גליון
# באור החיים
פרשת וילך - יוה"ק - תשפ"ו לפ"ק
גליון תת"נ

יהנא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי
טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר יודא ארי' שווארץ הי"ו
לע"נ אמו האשה החשובה מרת חוה מרים ב"ר מרדכי ע"ה
יארצייט ביום הקדוש - י' תשרי הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

וילך

### כח דיבורו של משה השריש בלבנו לעורר אותנו לעולמי עד

**וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל.**

כבר דקדקו המפרשים מהו ענין ההליכה שנאמרה כאן, הלא משה היה עומד ומדבר אל כל ישראל ולהיכן הלך, גם יש לקשר ענין קריאת הפרשה הזאת של הזמן שאנו עומדים בשבת שובה, שהרי הקריאה מעורר את הזמן.

ואפשר לבאר אותו על פי הידוע מספרים הקדושים דכחו של משה רבינו ע"ה הוא כח נצחי, ובכל דור ודור מאיר כחו ואורו של משה בכל אחד ואחד מישראל, וזאת השריש משה רבינו עתה בבני ישראל, על ידי דברי התוכחה שדיבר אליהם לפני פטירתו, כי דיבורו הק' של משה היה דיבור רוחני והיה כח נצחי, כי השכינה היתה מדברת מתוך גרונו של משה, ונשרש ונטבע בקרבם כחו ואורו לעולמי עד.

ובזה נבוא לפרש ענין הליכה שנאמרה כאן שהכתוב בא להגיד לנו, כי משה רבינו לא נתפרד מבני ישראל לאחר פטירתו, אלא "וילך משה", פי' שממשיך ליליך אתנו, כי כחו ואורו הולך ומאיר בקרבנו עד עולם.

וזהו הענין מה שברוב השנים אנו קורין פרשה זו בשבת שובה, כי על ידי קריאת הפרשה הזאת מתעורר בלבבינו כח גדול וחיזוק רב, לשוב אל ה' בימי התשובה הללו.

(עבו"ע דב"ק וילך – שובה)

יום הקדוש

### באמירת הסליחות והפיוטים צריך להכיר גדלות הבורא ושפלות עצמו

**לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים.**

כל סדר אמירת הסליחות וכל הפיוטים נתייסד על דעת ויסוד זה, שהאדם מודה על האמת ועל שפל מצבו, ומודה דאין בנו מעשים מצד עצמינו.

ומתחלה אנו מספרים על גדלות ה' ורב כחו, כמו שאומרים כי מי בשחק יערוך ידמה לה' בבני אלים, קל נערץ בסוד קדושים וגו', ועוד פסוקים רבים כאלה, ואחר כך אומרים פסוקים ולשונות מענין שפלות האדם, כי אחרי שהאדם רואה ומכיר גדלות הבורא, מתעורר להודות על האמת שאין בו שום כח מעצמו, עד שיצעק מעומק הלב, הנשמה לך והגוף פעלך, הכל שלך חוסה על עמלך, הנשמה לך והגוף שלך ה' עשה למען שמך, כי אנו מצדנו אין לנו שום זכות.

וכאשר בני ישראל ניגשים אל ה' להתפלל באופן זה, כדלים וכרשים ובלב נשבר, אז הקב"ה מקבל את תפלתם ומרחם עליהם.

וזהו "לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים", פי' כיון שיש "לנו בושת הפנים" מפניו יתברך, כי אנו מכירים את שפל מצבנו ואנו ניגשים אליו בלב נשבר, לכך "לך ה' הצדקה" הקב"ה עושה עמנו צדקה לכפר חטאותינו, אף אם אין אנו ראוים לזה, כי מרחם עלינו לחתמנו בספר החיים לכתיבה וחתימה טובה.

(עבו"ע פתגמ"ק נצבים)

### כפי מה שהאדם מקבל קדושת היום כן תחקק קדושת היום בקרבו לכל השנה

כדי לעורר את רחמיו יתברך שימשיך לנו כפרה ממקום גבוה למעלה מסדר העולם, נצרך

המשך בע' ט

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**מאין, ווען א מענטש אנערקענט אז ער איז גארנישט און אלעס איז פון אייבערשטן, יבוא עזרי, דורכדעם וועט ער האבן א ישועה.**

(שיח"ק ח"ב תכ"ג)

## וילך

### דורכדעם וואס א איד איז זיך מעורר צו תשובה דארף ער נישט צוקומען צו יסורים און עונשים

**שובה ישראל עד ה' אלקיך כי כשלת בעוניך.**

ווענן דעם ליינט מען די פרשה אין די טאג, בין כסא לעשור, ווייל דאס איז די עבודה וואס ליגט אויף אונז אין די טעג צו אראפנעמען פון אונז די מסך המבדיל וואס אונז האב מיר גורם געווען דורך אונזערע חטאים, וואס דאס האלט אונז צוריק פון מקבל זיין די התעוררות התשובה וואס איז נטועה בקרבינו דורך די דיבורים פון משה רבינו.

און ווען א מענטש מאכט זיך א כלי ראוי צו מקבל זיין די התעוררות התשובה מלמעלה, דארף ער מער נישט ליידן קיין עונשים און יסורים וואס קומען מעורר זיין צו תשובה, ווייל דער אייבערשטער איז מעורר דורך די קול הכרוז, נאר אויב א מענטש איז נישט מסיר די אוטם לבבו וכיסויו, אז ער זאל קענען הערן דורך דעם די קול ה' וואס קומט אים מעורר זיין, דארף מען אים מעורר זיין מלמעלה דורך אנדערע אופנים, און מען שיקט אים פון הימל א צרה ל"ע, כדי ער זאל דורך דעם נתעורר ווערן צום אייבערשטן, און פון דעם קומען צרות וואס א מענטש ליידט בבני חיי ומזוני ובפרט צער גידול בנים, וואס אלע ענינים פון יסורים אין די ענינים, קומט ווייל א מענטש פירט זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין, און ער פירט זיך נישט בקדושה, און ער איז זיך נישט מעורר צו תשובה טוען אויף חטאת נעורים.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספר אמרי קדוש פון הרה"ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע, וזה לשון קדשו, "השומר עיניו, יחיו בניו, ויגדלם בלא צער, ויציל אותם עי"ז ממקרי הזמן", רעדט מען פון דעם אז אלעס איז תלוי אין דעם, לויט וויפיל א מענטש היט די אויגן, און פירט זיך בקדושה, וואס דורך דעם היט ער זיינע קינדער ממצבי הזמן, און פון אלע צרות, און ער איז זוכה צו מגדל זיין אן קיין צער.

(עבו"ע פתגמ"ק - וילך)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

## יום הקדוש

### דאס מוחל זיין און זיך מפייס זיין ערב יוה"כ דארף מען ממשיך זיין אויף א גאנץ יאר

ס'ווערט געברענגט אין שו"ע שכל אדם יפייס את חבירו בערב יוה"כ.

מ'קען מבאר זיין דעם ענין לויט ווי די פסוק זאגט דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב, חז"ל דרש'נען אויף דעם דרשו ה' בהמצאו, אלו עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ, אבער אויף די המשך הפסוק קראוהו בהיותו קרוב דרש'נען גארנישט חז"ל.

קען זיין אז די סיפא פונעם פסוק גייט ארויף אויף א גאנץ יאר, דאס הייסט, אז אויב א איד וועט זיין נאנט צום אייבערשטן אין עשרת ימי תשובה, וועט ער אויך זיין נאנט צום אייבערשטן א גאנץ יאר, ווייל דורך די התקרבות צום אייבערשטן אין די טעג, איז ער זוכה מרגיש צו זיין א קרבת אלקים א גאנץ יאר.

אזוי אויך קען מען זאגן אויף דאס וואס ס'שטייט אז מען דארף מפייס זיין א חבר ערב יוה"כ, איז נישט שייך אז ער זאל דאס טוען נאר ערב יוה"כ, נאר אין דעם טאג זאל ער אנפאנגן זיך צו פירן אזוי, און נאכדעם זאל ער ממשיך זיין א גאנץ יאר זיך צו פירן אזוי, ווייל אין ערב יוה"כ איז א מענטש זוכה צו אמת'דיגע הרהורי תשובה, און ער איז מכיר מיט א אמת'ע הכרה אז א מענטש קען נישט נוגע זיין במה שמוכן לחבירו, און קיין שום מענטש קען אים נישט שלעכטס טוען נאר אויב מען האט אויסגערופן אזוי אין הימל, און אזוי וועט ער נישט באשולדיגן זיין חבר אין קיין שום זאך וואס ער האט אים געטוען, און אזוי וועט ער אנקומען זיך איבערצובעטן מיט זיין חבר און מעביר צו זיין יעדע שנאה ותחרות פון זיין הארץ, און פון יעצט זאל ער ממשיך זיין זיך צו פירן אויף דעם

המשך בע' ה

# דברי הדרכה

אשר השמיע

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### לתלמידי ישיבה גדולה

בעת סיום הזמן יום ד' כי תבא העעל"ט בהיכל הישיבה

איך טוה געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן, אז ברוך השם מ'האלט שוין דא, און מ'ענדיגט נאך א זמן בין כותלי הישיבה, איך האב געקלערט, ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, איז טייטש מען לויבט דעם אויבערשטן, ברוך אתה - געלויבט ביזטו באשעפער, בבואך - ווען די בחורים זענען אריינגעקומען אין ישיבה, וברוך אתה - געלויבט ביזטו באשעפער, בצאתך - ווען זיי גייען ארויס פון ישיבה.

די בחורים זענען אריינגעקומען אין ישיבה יראים ושלמים, מ'איז געזעצן און אפגעהארעוועט די יאר אין דעם ישיבה על קברו ישיבה של רבי, מ'האט געהארעוועט בתורה ובעבודה, ביראת שמים, בקדושה וטהרה, מיט מדות טובות. און די זעלבע ווי זיי זענען אריינגעקומען יראים ושלמים גייען זיי אהיים יעצט יראים ושלמים און פיל מער ב"ה.

איך טוה געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן אז ער האט מיר געגעבן אזא זכות. ס'איז דאך א געוואלדיגע טובה פאר רבינו הקדוש, ס'איז א טובה פארן גאנצן שטאט, און ס'איז א טובה פאר די גאנצע וועלט, אז ס'איז דא ערליכע בחורים יראים ושלמים וואס זיצן באהלה של תורה בקדושה ובטהרה.

*

טייערע בחורים, איין זאך דארף מען וויסן, רבינו הקדוש פלעגט אלעמאל צו זאגן אז מ'דארף מיטנעמען די תורה די עבודה די יראת שמים די קדושה וטהרה. אזויווי יעדער איינער פארשטייט אז ווען איינער ענדיגט נייען א מלבוש, כדי אז די בגד זאל זיך האלטן מוז מען צוקניפן די פעדעמער ביי די עק. ווייל אז נישט צופאלט די גאנצע קלייד, אזוי אויך ווען מ'נייעט צו א קנעפל נעמט מען די אנדערע זייט פון די פאדעם און מ'מאכט א קניפ, כדי אז ס'זאל נישט צוריק אראפפאלן, די זעלבע זאך איז יעצט, במשך די זמן האט עטס געמאכט פאר זיך א הייליגע בגד, ענק האבן זיך אויסגעארבעט מיט תורה ויראת שמים, דאס איז אזוי ווי א מלבוש, פונקט ווי א מלבוש נעמט ארום דעם מענטש די זעלבע נעמט די יראת שמים ארום דעם מענטש, א בחור א ירא שמים איז ארומגענומען מיט הייליגקייט מיט קדושה וטהרה, איז יעצט ווען מ'האט געענדיגט מאכן דעם בגד מ'האט געענדיגט דעם זמן, כדי אז די בגד זאל זיך האלטן דארף מען עס צוקניפען, דאס הייסט מ'דארף צוקניפן אלעס וואס מ'האט געלערנט די יאר און מ'דארף עס מיט נעמען מיט זיך אהיים, אזוי קניפט מען עס צו, דאס איז די סגולה וואס טוט אפהיטן אז מ'זאל קענען גיין ווייטער מיט דעם, און אז מ'קניפט עס נישט צו צופאלט די גאנצע זאך.

מ'גייט דאך יעצט אריין אין די הייליגע טעג, יעצט איז מען דאך שוין אין חודש אלול. ס'ווערט געברענגט אז די הייליגע דברי חיים איז אמאל געזעצן שבת בראשית צופרי נאך פארן קידוש מאכן, ס'האט גענומען א שטיק צייט מער ווי געווענליך, ביז ווען ער האט זיך אנגערופן, אונז זענען שוין אריבער חודש אלול, אונז זענען שוין אריבער ראש השנה, ס'איז שוין אריבער יום הקדוש, ס'איז שוין אריבער סוכות הושענא רבא שמיני עצרת שמחת תורה, יעצט דארף מען זעהן וואס מ'האט צאמגענומען ביי דעם יריד, און ער האט מסביר געווען זיינע ווערטער מיט א משל, אז ווען עס איז דא א יריד, גייט יעדער איינער און מ'קויפט זיך איין פאר א גאנץ יאר מ'זאל נישט דארפן ארומגיין אינמיטן יאר, אדער אמאל איז שוין נישט דא פון די סחורה קויפט מען זיך איין ביים יריד, אבער מ'קען נישט מאכן דעמאלטס קיין חשבונות, ווייל ס'איז נישט דא קיין צייט דעמאלטס, די חשבונות מאכט מען שוין שפעטער. די זעלבע זאך די הייליגע טעג איז א זמן פון א יריד מ'קויפט זיך איין סחורה פאר א גאנץ יאר, אין די הייליגע טעג איז נישט דא קיין צייט צו מאכן קיין חשבונות, האט די הייליגע דברי חיים געזאגט, יעצט ווען מ'האלט שוין נאך די הייליגע טעג יעצט קען מען אנהייבן צו צאמרעכענען וואס מ'האט זיך איינגעקויפט.

בחורים טייערע, יעצט אין די צייט וואס מ'גייט אהיים קומט דאך פאר די יריד, יעצט אין אלול אין ראש השנה און אין אלע הייליגע טעג ווייטער, קויפט מען זיך איין אויף די נייע יאר אז מ'זאל טאקע קענען אנהאלטן דעם בגד, יעצט נאכ'ן אפהארעווען א זמן אין ישיבה איז אסאך גרינגער פאר ענק זיך איינצוקויפען, ווייל עטס פארשטייטס שוין וועלכע סחורה מ'דארף האבן, עטס האטס געלערנט א יאר אין ישיבה, האט עטס דאך געזעהן וואס מ'דארף איינקויפן ביים יריד, סיי בתורה ותפילה און סיי וויאזוי מ'דארף זיך אויפצופירן. אז מ'גייט אהיים פון ישיבה ווען מ'איז צוגעבינדען צום הייליגן צדיק, און נאכדערצו בחורים וואס גייען אהיים מיט דעם קניפ, אז מ'בינדט זיך צו די מלבוש וואס מ'האט אויפגענייעט דא, מ'בינדט זיך צו צום אויבערשטן,

מ'בינדט זיך צו די קדושה וטהרה די תורה און עבודה אז מ'זאל עס נישט פארלירן, אזעלכע בחורים ווייסן אז זיי דארפן זיך אנגרייטן צום יריד.

## עבודת חודש אלול, א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י

בחורים, עטס זאלטס נישט פארגעסן, חודש אלו"ל איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, זאגט מען נאך פון צדיקים א פשט, אז מ'זאגט פארן אויבערשטן, אני לדודי - רבונו של עולם איך בין צו דיר און דו ביזט צו מיר, אבער וויאזוי עס איז דער אני לדודי, וויאזוי איך בין פאר דיר, אזוי איז די ודודי לי, אזוי ביזטו פאר מיר, אז איך געב מיר אוועק מיט א מסירת נפש אפילו ס'קומט מיר אן שווער, די זעלבע ביזטו צו מיר, ס'איז מדה כנגד מדה.

ס'איז טאקע נישט גרינג, מ'האט אפגעהארעוועט א גאנצע יאר, יעצט בין הזמנים ווען מ'גייט אהיים וויל זיך א בחור אביסל אויסרוען ער וויל זיך אביסל אויסברייטערן, אבער פונדעסטוועגן דאך זאלט עטס נישט פארגעסן, פונקט אזויווי די אני לדודי איז, פונקט אזויווי אין די צייט וואס איך דארף האבן אביסל מנוחה האלט איך זיך נאכאלץ שטארק צום אויבערשטן, די זעלבע קענסטו בעטן דעם אויבערשטן: איך בעט דיר, פארשטיי ווי שווער ס'איז מיר אנגעקומען די אני לדודי, זאלסטו זעהן אז די ודודי לי זאל זיין מיט די זעלבע שטארקייט, און דו זאלסט זיין די זעלבע צו מיר הן בתורה און הן אין אלעס וואס איך דארף.

## התחזקות בלימוד התורה

די גמרא פרעגט א קשיא למה תוקעין ומריעין כשהן יושבין למה תוקעין ומריעין כשהן עומדין, ענטפערט די גמרא כדי לערבב השטן, מ'וויל צומישן די שטן. מ'דארף אבער וויסן אז ס'שטייט אין גמרא אז דער אויבערשטער זאגט, בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין כנגדו, די תורה איז די תבלין קעגן די יצר הרע, דאס הייסט אז מ'לערנט תורה טוט עס צומישן דעם שטן.

איז פשט מ'בלאזט טאקע כדי לערבב השטן, ווען מ'בלאזט מיטן שופר צו איז עס ראש השנה צו איז עס יום הקדוש, צו איז עס הושענא רבא יעדע מאל וואס מ'בלאזט, קומט עס צו דערמאנען דעם מענטש אויף איין זאך, לערבב השטן - ער זאל צומישן דעם שטן אז ער זאל נישט קענען מקטרג זיין, מ'דארף דאך זוכה זיין צו דעם, און דורך די תורה קען מען איהם צומישן.

זאל מען זעהן צו לערנען יעדן טאג, מ'זאל נישט פארגעסן מ'זאל צומישן דעם שטן.

## עבודת התפלה בימים אלו

ווייטער די עבודה שבלב, איזהו עבודה שבלב זו תפילה. איך האב ב"ה עטליכע מאל געדאווענט מיט ענק משך די יאר, איך בין ב"ה מורא'דיג נתפעל געווארן פון ענקער עבודה שבלב, ס'איז א געוואלדיגע נחת רוח, לויט וויאזוי ענק דאווענען מיין איך דארף מען נישט רעדן צו ענק פון תפילה, עטס דאווענטס אזויווי רבינו הקדוש ברענגט אין עבודת עבודה וויאזוי מ'דארף טון די עבודה שבלב וויאזוי מ'דארף דאווענען. אבער פונדעסטוועגן מ'דארף כסדר מחזק זיין.

אונז ווייסן דאך, יעקב אבינו האט געזאגט פאר יוסף הצדיק, איך געב דיר שכם אחד על אחיך וואס איך האב גענומען בחרבי ובקשתי, זאגט די תרגום בצלותי ובבעותי, מיט מיינע תפילות און מיט מיין געבעט האט יעקב אבינו צוגענומען די שטאט שכם פון זיי, דארף מען פארשיין וואס האט תפילה מיט די בחרבי ובקשתי, און אויב יעקב אבינו האט געמיינט בצלותי ובבעותי, דעמאלטס פארוואס האט ער געזאגט בחרבי ובקשתי.

נאר פשט איז, יעדער איינער פארשטייט אז ווען מ'וויל שיסן א פייל לייגט מען די פייל אויף די שטריק פונעם קשת און מ'ציט אראפ די שטריק, און ווי נידריגער מ'ציט עס אראפ אלץ העכער פליעט עס. די זעלבע זאך איז מיט תפילה, איזהו עבודה שבלב זו תפילה, די עבודה פון דאווענען איז דאך אין הארץ, מ'דארף דאווענען מיטן הארץ, ווען מ'דאווענט ציט מען אראפ די הארץ אינעם דאווענען מ'לייגט אריין די הארץ אינעם דאווענען, און נאכדעם פליט די דאווענען ארויף גראד צום אויבערשטן, און ווי הארציגער מ'דאווענט, ווי מער מ'לייגט זיך אריין די הארץ אין דעם, און ווי טיפער מ'ציט אראפ די הארץ אלץ העכער קומט די תפילה אן, און אלץ נענטער קומט עס אן צום אויבערשטן פונקט אזויווי די קשת. דאס האט יעקב אבינו געמיינט מיט דעם וואס ער האט אנגערופן דאס דאווענען בחרבי ובקשתי.

זאל מען זעהן ווייטער צו דאווענען אזוי ווי רבינו הקדוש האט אונז אויסגעלערנט. א טאהש'ע בחור גייט ארויס אין די פרעמד, צו איז עס אפילו אין טאהש, איבעראל דערקענט מען אויף א בחור'ס דאווענען אז ער איז א טאהש'ע בחור, זאלטס עטס עס ווייטער אנציען, מ'זאל מען זעהן אנצוהאלטן די קניפלעך ביי די פאדעם פון די מלבוש וואס מ'האט זיך געמאכט, די בגד זאל נישט צופאלן.

## יראת שמים

ארי"ה שאג מי לא יירא, ארי"ה איז ראשי תיבות א'לול ר'אש השנה י'ום הקדוש ה'ושענא רבא, ארי"ה האט אויך די אותיות ירא"ה, אריה שאג - די צייטן שרייען, מי לא יירא - ווער האט דען נישט מורא פונעם יום הדין, ווער האט נישט מורא פונעם אויבערשטן, יעדער האט מורא, יעדער דארף האבן יראת שמים, איבערהויפט בחורים וואס האבן אפגעהארעוועט א יאר, מ'האט זיך אוועקגעגעבן פארן אויבערשטן, און מיט דעם אלעם הארעוועט מען אריין מ'ארבעט אריין פארן אויבערשטן, ווי חשוב איז דאס, די אויבערשטער זעהט דאך דאס. איז עטס האטס דאך יראת שמים, זאלטס עטס עס ווייטער אנציען.

## כיבוד אב ואם בימי בין הזמנים

און ווייטער זאל מען זעהן צו אנהאלטן די אלע זאכן, מ'זאל האבן מדות טובות, מ'זאל מכבד זיין די טאטע מאמע, מ'זאל מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, נאדערצו יעצט ווען מ'גייט אהיים, א טאטע מאמע זעהן ווי אזוי א בחור פירט זיך אויף אינדערהיים, וויאזוי ער פירט זיך אויף מיט די געשוויסטער'ס, וויאזוי ער פירט זיך אויף אויפ'ן גאס, צו ער האלט זיך בקדושה ובטהרה אויפ'ן גאס.

כיבוד אב ואם איז דאך א געוואלדיגע זאך. אונז ווייסן דאך, ראש השנה און יום הקדוש אין אין די גאנצע עשרת ימי תשובה בעט מען זכרנו לחיים, מי כמוך אב הרחמן זכר יצוריו לחיים, וכתוב לחיים, בספר החיים, אין די אלע תפילות בעט מען פאר חיים, דארפט עטס וויסן עטס האטס א גוטע חיים, כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך, זאלסט מכבד זיין דיין טאטע מאמע אזוי וועסטו האבן חיים. וויאזוי איז מען זיי מכבד, די גרעסטע כיבוד פאר זיי איז ווען זיי זעהן נחת פון ענק. זיי הערן טאקע גוטע גריסן אבער דאך ס'איז אינו דומה שמיעה לראייה, דאס ברענגט א געוואלדיגע נחת פאר טאטע מאמע, און מיט דעם וועט עטס זוכה זיין צו האבן חיים טובים. בחורים, ווען עטס גייטס אהיים זאלט עטס זעהן צו טון די אלע זאכן.

## להרבות בתפלה להשי"ת

און אזוי אויך זאלט עטס בעטן פאר ענק און פאר ענקערע עלטערן, עטס קענטס פאר מיר אויך בעטן, איך בעט א טובה אויב מ'קען זאל מען מיר אינזין האבן, און בעטס אויך פאר ענקערע חברים. ראש השנה רופט מען דאך יום הזכרון, פארוואס, ווייל מ'דארף געדענקען איינער דעם אנדערן, ווייל המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה.

פארשטייט זיך וועגן צער השכינה דארף מען דאך זיכער בעטן, און אז ס'וועט זיין א גאולה פרטית פאר'ן שכינה וועט זיין א גאולה כללית פאר כלל ישראל, אויף דעם בעט מען און אויף דעם האפט מען, און אויף דעם זאל מען טאקע האפן, אויף דעם זאל מען טאקע בעטן.

*

זאל די רבונו של עולם טאקע אריינשיינען פאר ענק א אור חדש, ס'זאל קומען א נייע אור, א נייע ליכטיגקייט, עטס זאלטס קענען גרינגער צוקומען צו בתורה ותפילה, עבודת השם, מדות טובות, יראת שמים בקדושה וטהרה, און עטס זאלטס אלע האבן א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, ענק זאלן זיך אויסבעטן אלעס גוטס, פאר ענק און פאר יעדעם איינעם ארום און ארום וועם עטס האטס אינזין, און מ'זאל שוין זוכה זיין אז מ'זאל שוין אויסגעלייזט ווערן, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

המשך מע' ב

וועג א גאנץ יאר, צו שטענדיג געדענקען אז אלעס פירט זיך מיט השגחה פרטית, און קיין שום מענטש איז נישט שולדיג מיט וואס ער האט געטוען מיט אים, ווייל דורך דרשו ה' בהמצאו אין עשרת ימי תשובה, וועט ער זוכה זיין צו קראוהו בהיותו קרוב א גאנץ יאר.

(עבו"ע פתגמ"ק ליוה"כ)

## אין יוה"ק איז דא א מורא'דיגע התעוררות צו בויען דעם ביהמ"ק השלישי, און עס איז תלוי לויט וויאזוי מען איז מקבל די תורה מחדש

יוה"כ איז בבחינת "מקדש" און בבחינת "שנה" און ס'איז מכוון קעגן די מקום המקדש וואס איז בבחינת "עולם" און דאס איז א טאג וואס איז שלימו דכולא, און ס'איז נישט דא אין דעם קיין שום אחוזה פאר די חיצונים, אזוי ווי חז"ל זאגן שטן ביומא דכיפורי לית לי' רשותא לאסטוני, און ס'איז א בחינה פון מעין דלעתיד, וואס דעמאלטס וועט מער נישט זיין קיין שלשלת היצר בעולם.

דעריבער איז די טאג מורא'דיג מסוגל צו מקרב זיין די בנין בית השלישי, און אויף דעם דארף זיין די עיקר תפלה אין דעם טאג, אז דורך די תשובה און דורך טהרה וואס דער אייבערשטער איז אונז מטהר, זאל מען זוכה זיין צו די תיקון השלם.

אזוי ווי ביי די דור המדבר, האט דער אייבערשטער באפוילן די אידישע קינדער צו בויען די משכן ממחרת יוה"כ, ווייל וויבאלד דער אייבערשטער איז נתרצה געווארן צו זיי און יום הכיפורים ברצון שלם, און זיי האבן מקבל געווען די לוחות שניות, און דורך דעם וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך די עול התורה פון דאסניי, האבן זיי גורם געווען צו מעורר זיין די רצון העליון צו בויען פאר זיי א משכן פארן אייבערשטן.

אזוי אויך בכל שנה ושנה, ווען דער אייבערשטער איז מרצה פאר אידישע קינדער אין יוה"כ, ווערט נתעורר די רצון העליון צו בויען פאר זיי די בנין ביהמ"ק השלישי נאר דאס איז תלוי וויאזוי אונז זעמיר מקבל אויף זיך די עול התורה. ווייל אויב מען איז מקבל די תורה ברצון אזוי ווי מען האט מקבל געווען די לוחות שניות, איז מען פועל דורכדעם אז עס זאל ארויסגיין בפועל די רצון העליון צו בויען די ביהמ"ק השלישי במהרה דידן, אמן.

(שם)

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# הלכות כיסוי דם

## אריינפיר

אזוי ווי אסאך פירן זיך אז נאכן שלאגן כפרות איז מען מהדר מקיים צו זיין די מצוה פון כיסוי הדם, און נישט יעדער ווייסט די הלכות דערפון, און מען קען חלילה נכשל ווערן אין מאכן א ברכה לבטלה, דעריבער האבן מיר געשריבן אין דעם מאמר, די הלכות און הנהגות וויאזוי מען דארף זיך פירן ביים מקיים זיין די מצוה כהלכתה.

### א

### שאלה: ווי איז די מקור פון די מצוה פון "כיסוי הדם", און וואס איז דער טעם דערפון?

**תשובה:** עס שטייט אין די תורה (ויקרא יז יג) "ושפך את דמו וכיסהו בעפר", פון דא איז די מקור אז ווען מען שעכט א חיה אדער א עוף, איז א מצוה צו צודעקן די בלוט.

## דער טעם פון די מצוה

אין מדרש תנחומא (בראשית י') שטייט די טעם, ווייל נאכדעם וואס קין האט גע'הרג'ט זיין ברידער הבל, האט ער נישט געוויסט וואס ער זאל טוהן מיט אים, האט ער געזען ווי א טהור'ע עוף האט גע'הרג'ט א אנדערע עוף, און די לעבדיגע עוף האט געגראבן א גרוב, און דארט באגראבן די טויטע עוף, און צוגעדעקט די גרוב מיט די ערד, פון דעם האט ער געוויסט אז ער דארף אויך אזוי טוהן, וועגן דעם האבן די עופות זוכה געווען אז מען זאל צודעקן זייער בלוט.

דער אור החיים הקדוש שרייבט דעם טעם פון מצות כיסוי הדם, וויבאלד די בלוט פון א חיה און א עוף, דאס איז זייער נפש, וועגן דעם איז פונעם דרך המוסר נוהג צו זיין כבוד אין דעם און דאס צודעקן, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן צו באערדיגן א מענטש נאך זיין שטארבן וועגן זיין כבוד.

## א מורא'דיגע מעשה

אין ספר פלא יועץ (ערך שוחט) שטייט א מורא'דיגע מעשה, אז עס איז געווען א שוחט וואס איז קראנק געווארן אויף זיינע אויגן, און ער איז געשטארבן דערפון רח"ל, איין נאכט איז דער שוחט געקומען אין חלום צו איינעם פון שטאט, און ער האט אים געזאגט אין חלום, איך האב אמאל גע'שחט'ן פאר דיר א עוף, און איך האב נישט צוגעדעקט די בלוט נאכן שחט'ן, און אזוי ווי אין די בלוט פון די עוף איז געווען מגולגל א נשמה פון א איד, וואס ער האט געדארפט באקומען א תיקון דורך די מצוה פון כיסוי הדם, און אזוי ווי איך האב נישט מקיים געווען די מצוה, איז די נשמה געבליבן אן קיין תיקון, און צוליב דעם חטא איז געקומען אויף מיר די שטראף, אז איך בין קראנק געווארן אויף די אויגן, און געשטארבן צוליב דעם.

און דער פלא יועץ פירט אויס מיט דעם לשון: איך דערצייל די מעשה, ווייל עס זענען דא שוחטים וואס זיי מקיל אין די מצוה פון כיסוי הדם, זאלן זיי דאס וויסן.

## אריכות ימים

עס שטייט אין ספר חסידים (מהדורת תרפ"ד אות תתרעב) אז מען האט געפרעגט א זקן, במה הארכת ימים, האט ער געענטפערט, אין מיינע יונגע יארן בין איך געווען א שוחט, און איך האב אייביג אכטונג געגעבן צו צודעקן די בלוט נאך די שחיטה, און איך האב אויך צוגעדעקט די בלוט פון די עופות וואס אנדערע שוחטים האבן נישט צוגעדעקט.

### ב

### שאלה: אויף וועם ליגט דער חיוב פון די מצוה פון כיסוי הדם, אויפן בעל העוף, אדער אויפן שוחט?

**תשובה:** די מצוה פון כיסוי הדם באלאנגט פארן שוחט, און נישט אויפן בעל העוף, אזוי ווי די גמרא (חולין דף פ"ז) דרשנ'ט פון פסוק וואס שטייט "ושפך את דמו וכיסהו", דער וואס האט גע'שחט'ן דער דארף מכסה זיין.

און אויב איינער האט מכסה געווען אן רשות פון שוחט, איז חייב מעיקר הדין צו באצאלן פארן שוחט צען גאלדענע רענדלעך.

### ג

### שאלה: קען דער שוחט געבן רשות פאר א אנדערע מענטש, אז ער זאל מקיים זיין די מצוה פון כיסוי הדם אנשטאט אים?

**תשובה:** עס איז א מחלוקת הפוסקים צי דער שוחט קען מאכן א שליח, אדער מכבד זיין א אנדערע מענטש אז ער זאל מקיים זיין די מצוה פון כיסוי הדם, טייל פוסקים האלטן אז מען קען נישט מאכן א שליח, ווייל די מצוה באלאנגט נאר פאר דעם שוחט (אבודרהם, כלבו, ברכת הריח, קצות השלחן סימן שפ"ב סק"ב), און אנדערע פוסקים האלטן אז מען קען יא מאכן א שליח אזוי ווי יעדע מצוה וואס מען זאגט שלוחו של אדם כמותו (פליתי ס"ק ג'), און טייל פוסקים האלטן אז א שליח קען מען נישט מאכן, אבער מכבד זיין קען מען יא (תבואות שור סימן כ"ח ס"ק י"ד ובשמל"ח ס"ט), און אזוי איז דער מנהג אז נאכן שלאגן די כפרות, דעקט מען צו די בלוט פון די אייגענע כפרה (פרי מגדים מש"ז ס"ק ח', ערוך השלחן סט"ז, דרכי חיים ושלום אות תשמ"ב, מחזור דברי יואל).

און אזוי האט זיך געפירט רבינו הקדוש זי"ע אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון כיסוי הדם נאכן שלאגן כפרות, און אזוי האט זיך געפירט דער הייליגער קאמארנער זי"ע (ספר מנהגי קומרנא אות תמ"ט).

* הרה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל פלעגט בעטן פונעם שוחט אז ער זאל אים מכבד זיין מיט די מצוה פון כיסוי הדם, און נאכדעם וואס ער האט מכסה געווען, האט ער געזאגט פארן שוחט אז ער זאל אויך מכסה זיין, וויבאלד די מצוה פון כיסוי דם באלאנגט צו אים (ספר ביתו נאוה קודש תשרי ח"א עמוד תר"ח).

### ד

### שאלה: איז דא א ענין צו געבן א טיפ פארן שוחט, כדי אפצוקויפן דעם זכות פון די מצוה פון כיסוי הדם?

על פי הלכה טאר נישט א שוחט פארקויפן די זכות פון מצות כיסוי דם פאר געלט, ווייל עס שטייט אין פסוק (משלי כ"ג כ"ג) אמת קנה ואל תמכור (שמלה חדשה סימן כ"ח ס"ט, ותבואות שור שם), אבער דער וואס איז מכובד געווארן דורכ'ן שוחט מעג מהנה זיין דעם שוחט און אים געבן געלט, ווייל דאס איז נישט קיין מכירה, עס איז נאר א הכרת הטוב, פון דעם נעמט זיך דער מנהג אז מען גיט א טיפ פארן שוחט.

* עס ווערט געברענגט אז הרה"ק בעל חקל יצחק מספינקא זי"ע האט זיך געפירט, אז ער האט מהנה געווען דעם שוחט צוליב די טובת הנאה וואס ער האט אים מכבד געווען מיט די מצוה פון כיסוי הדם (ספר מנהגי ספינקא פרק ל"ה).

## ה
## שאלה: מיט וואס מעג מען אלץ צודעקן די בלוט?

**תשובה:** מען קען מכסה זיין מיט סיי וואס פאר א זאך וואס מען קען אנזייען אין דעם געוויקסן און עס קען וואקסן, אדער א זאך וואס ווערט אנגערופן "עפר", און מיט דעם איז כשר מכסה זיין אפילו מען קען נישט אנזייען אין דעם, ווי למשל צוריבענע גאלד א.ד.ג., ווייל עס ווערט אנגערופן "עפר" אזוי ווי עס שטייט "עפרות זהב".

היינטיגע צייטן איז איינגעפירט מכסה צו זיין מיט זעגעלער, וואס דאס איז צוריבענע האלץ.עס ווערט דערציילט אז א גרויסער עושר, האט אמאל פאראהאנדלט מיט א רייכן סוחר א גרויס געשעפט, אזוי זיצענדיג האט א חשוב'ער משולח געעפנט די טיר, און ער האט געזאגט פאר דעם עושר אז ער איז געקומען אפנעמען זיין יערליכע נדבה פאר די ישיבה, האט אים דער עושר פארגעהאלטן, היתכן ער האט געעפנט די טיר אום געקלאפט, דער משולח האט זיך פארשעמט און ער איז אוועק מיט ליידיגע הענט.

* נאכדעם וואס דער עושר האט געענדיגט דעם געשעפט, האט ער זיך געכאפט אז ער האט פארשעמט דעם משולח און אים פארשיקט מיט בושות, האט ער געהייסן מען זאל רופן צו אים, ווען דער משולח איז געקומען האט אים דער עושר געזאגט, די הלכה איז ביי די מצוה כיסוי הדם, אז אויב איינער האט נישט קיין ערד קען ער נעמען גאלדענע רענדלעך און זיי צורייבן און מיט דעם יוצא זיין די מצוה פון כיסוי הדם, און אזוי ווי איך האב דיך שופך דם געווען דורכן פארשעמען, וויל איך מקיים זיין די מצוה פון כיסוי הדם מיט גאלדענע רענדלעך, און ער האט אים געגעבן גאלדענע רענדלעך, אויסער די יערליכע נתינה וואס ער פלעגט אים געבן יעדעס יאר.

## ו
## שאלה: וויפיל איז די שיעור פון בלוט וואס מען דארף צודעקן?

**תשובה:** על פי הלכה דארף מען נישט צודעקן די גאנצע בלוט, דער עיקר איז צו צודעקן די דם הנפש, דאס מיינט בלוט וואס דורך דעם לעבט די עוף, וואס דאס איז נאכדעם וואס די בלוט ענדיגט צו קומען מיט א שטרום (מחבר רמ"א סעיף ט"ו).

בלוט וואס האט ארויסגעשפריצט אינדרויסן פון די שיסל ווי די בלוט גייט אריין, אדער עס האט געשפריצט אויף א וואנט, דארף מען נישט צודעקן.

## ז
## שאלה: וואס איז די סדר פון כיסוי הדם?

**תשובה:** מען דארף אנגרייטן ווייכע ערד, ווי זאמד, אדער צוריבענע האלץ, זעגעלעך א.ד.ג., כדי עס זאל זיין מיוחד פאר די מצוה פון כיסוי הדם.

אויב עס איז שוין דא דארט ערד פון פריער, זאל מען ארויס זאגן מיט די מויל פארן שחט'ן אז דאס איז פאר כיסוי הדם.

און אויב מען האט געברענגט די זאמד דירעקט וועגן כיסוי הדם, דארף מען דאס נישט זאגן.

מען האלט די ערד אין די רעכטע האנט, און גלייך נאכן שחט'ן, ווען עס האט שוין ארויסגעשטרוימט די בלוט אויף די אנגעגרייטע ערד, זאגט מען די ברכה שטייענדיג "אשר קדשנו במצותיו וצונו, על כיסוי הדם [די ד' איז מיט א קמץ, כ"מ בדרכ"ת ס"ק י"ז] בעפר" [די ב' פון בעפר איז מיט א סגול].

און מען דעקט גלייך צו מיט די רעכטע האנט אן קיין הפסק, און מען דארף לייגן אזויפיל זאמד, אז עס זאל נישט בלייבן קיין רושם פון די בלוט.

## ח
## שאלה: מעג מען נעמען ערד פון סיי ווי מען וויל?

**תשובה:** מען דארף אכטונג געבן, אז מען זאל חלילה נישט נכשל ווערן מיט איסור גזילה ביים נעמען די ערד, אפילו עס קען זיין אז עס איז נישט שוה פרוטה, פונדעסטוועגן איז דער איסור פון גניבה שייך אפילו ביי פחות משוה פרוטה.

* עס ווערט דערציילט אז איינמאל נאכן שלאגן כפרות, און נאכן מכסה זיין די בלוט, איז דער בית ישראל פון גור זצ"ל געווען זייער אומ'רואיג, האט מען אים געפרעגט די סיבה דערפון, האט ער געזאגט ער וויל רעדן מיטן שוחט, דער שוחט איז גלייך געקומען, און ער האט אים געפרעגט פון ווי ער האט גענומען די ערד מכסה צו זיין די בלוט, האט דער שוחט געענטפערט, פון די הויף פון ישיבה פורת יוסף, וואס איז געווען אין די שכינות.

האט דער בית ישראל אויסגעשריגן מיט ווייטאג, אז דו האסט נישט געבעטן רשות צו נעמען פון די זאמד איז עס דאך גזל, קומט אויס אז איך בין נכשל געווארן מיט איסור גזל.

און ער האט געלאזט רופן רבנים און זיי געפרעגט וויאזוי מען קען דאס פארעכטן, דער מנהל פון די ישיבה איז דאך נישט דער בעל הבית אויף די ערד, אזוי אויך איז דער ראש ישיבה און די מגידי שיעורים און די בחורים פון די ישיבה זענען נישט בעל הבית אויף די ערד, וויאזוי קען מען דאס פארעכטן.

## ט
## שאלה: עס זענען דא וואס האלטן אז נישט יעדער זאל צודעקן די בלוט, נאר מען דארף לאזן אז דער שוחט זאל צודעקן נאכן ענדיגן צו שחט'ן, וואס איז דער טעם דערפון?

**תשובה:** עס זענען דא פארשידענע טעמים דערויף, מיר וועלן אויסרעכענען עטליכע טעמים:

1) צום אלעמען ערשט לאזט מען זיך אריין אין א שאלה, צי דער שוחט קען

# א תורה אויף די פרשה

## וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל בני ישראל.

מען קען מסביר זיין די פסוק אז דער "וילך משה" גייט ארויף אויפ'ן סוף פסוק "אל כל עדת בני ישראל", משה רבינו איז אריינגעגאנגען אין פנימיות פון כלל ישראל, אין יעדן איד, אין אלע צייטן איז פאראן א ניצוץ פון משה רבינו.

דאס איז אויך דער טעם אויף דעם וואס די תורה זאגט (ל"ד ו') "ולא ידע איש את קבורתו", ווייל משה רבינו איז באהאלטן אין הארץ פון יעדן איד.

(ספרים הקדושים)

*

## ואמר ביום ההוא על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה.

יעדע איד דארף גלייבן אז השי"ת רוהט אין אים, און אז ער איז מיט אים בעת צרה. נאר אויב די אמונה פונעם מענטש ווערט אפגעשוואכט, הייבט ער אן צווייפלען און טראכטן אז "אין אלקי בקרבי", דאן געשעהט "מצאוני הרעות האלה" דעמאלטס טרעפן אים חלילה די צרות.

(הרה"ק רבי שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

*

## והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות.

הרה"ק רבי מענדל'ע מרימנוב זי"ע האט ממליץ טוב געווען אויף די אידן, און געזאגט "רבוש"ע אזוי ווי צופיל זאלץ מאכט קאליע דאס פלייש אז מען קען דאס שוין נישט עסן, אזוי אויך צופיל יסורים וועלן נישט דערגרייכן דעם ציל אונז בעסער צו מאכן, פארקערט, זיי מאכן גאר ערגער, דעריבער רבונו של עולם, זאלץ נישט צופיל".

(הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע)

# א מעשה אויף די פרשה

וילך

## ואנכי הסתר אסתיר פני.

דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע איז אמאל געגאנגען אויפ'ן גאס שפאצירן מיט זיינע תלמידים, ווען אינמיטן האבן זיי באמערקט ווי א קינד וויינט, זייענדיג אונטער א וואנט פון א הויז. איז דער מעזריטשער מגיד צוגעגאנגען צום קינד, און אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט זיך דאס קינד אנגערופן, איך שפיל מיר מיט מיין חבר, און ער קומט מיר נישט אויפזוכן.

האט זיך דער מעזריטשער מגיד זי"ע אנגערופן צו זיינע תלמידים "דאס זאגט די שכינה הק', ואנכי הסתר אסתיר פני, און קיינער קומט מיר נישט זוכן".

*

## הן קרבו ימיך למות קרא את יהושע והתיצבו באהל מועד ואצונו.

דער הייליגער רבי ישראל סאלאנטער זי"ע האט פאר זיין פטירה געלאזט רופן צו זיך אלע בעלי בתים, און מיט עטליכע ווערטער זיך געזעגנט, צווישן זיי איז אויך געווען אן אפיקורס, וועלכער רבי ישראל האט לענגער ווי אלע אנדערע בעלי בתים זיך געזעגנט און פארברענגט. פאר די מקורבים האט דאס אביסל פארדראסן, און זיי האבן אויסגעדריקט זייער פארוואונדערונג פארוואס רבי ישראל געבט זיך אפ מיט דעם אפיקורס מער ווי מיט די ערליכע

איבער געבן די מצוה פון כיסוי דם פאר אנדערע, לויט טייל פוסקים קען נישט דער שוחט איבערגעבן די מצוה פאר א אנדערע מענטש, און לויט זיי איז עס א חשש פון א ברכה לבטלה, אזוי ווי פריער דערמאנט (שאלה ב').

2) עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן כ"ח סעיף י"ט) אז פאר מען מאכט די ברכה אויף כיסוי הדם, דארף קודם דער שוחט בודק זיין צי ער האט גוט דורך גע'שחט'ן די סימנים, און צו די חלף איז נישט געווארן פגום, ווייל אויב עס האט פאסירט א פסול אין די שחיטה, למשל די חלף האט געהאט א פגימה, אדער מען האט נישט דורך געשחט'ן די סימנים על פי הלכה, טאר מען נישט מאכן א ברכה אויף די כיסוי הדם.

און אזוי ווי ביים שלאגן כפרות ערב יום כיפור, דארפן זיך די שוחטים איילן ביי די שחיטה, און עס איז שווער בודק צו זיין די סימנים, און די חלף אזוי ווי א גאנץ יאר, אזוי אויך טרעפן זיך ביי די כפרות אסאך טריפה'נע עופות, צוליב דעם וואס מענטשן ווייסן נישט וויאזוי צו האלטן די הינדל, און א הינדל וואס איז טריפה, קען מען נישט מאכן א ברכה ביים צודעקן די בלוט,דעריבער זענען דא וואס זענען זיך מונע מקיים צו זיין די מצוה פון כיסוי הדם, אלץ חשש פון ברכה לבטלה.

און אונז וואס פירן זיך אז מען איז יא מכסה, האלטן אז וויבאלד רוב עופות ווערן געשחט'ן בכשרות, קען מען זיך פארלאזן און מאכן א ברכה ביים צודעקן די בלוט.

3) עס מאכט זיך אז ביי די מקום השחיטה איז דא א שלעכטע גרויך, אויך מאכט זיך אז די הענט ווערט אומריין פונעם הינדל, וואס דעמאלטס טאר מען בכלל נישט מאכן א ברכה.

דעריבער צוליב די טעמים זענען דא וואס זיי זענען זיך מונע צו צודעקן די בלוט, און ווען איינער וויל ארויסגיין פון אלע ספיקות, קען מקיים זיין די מצוה פון כיסוי הדם, און נישט מאכן די ברכה בשם ומלכות, ווייל על פי הלכה איז די ברכה איז נישט מעכב.

**ויה"ר מען זאל זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה**

בעלי בתים.

האט זיי רבי ישראל מסביר געווען, מיט אייך האב איך אי"ה א האפענונג זיך צו זעהן נאך די הונדערט און צוואנציג יאר אין גן עדן, אבער מיט יענעם דארף איך זיך לענגער געזעגענען ווי מיט אייך, ווייל ווער ווייסט צו איך וועל אים נאך אמאל זעהן בכלל...

*

## הקהל את העם האנשים והנשים והטף, בגמ' במסכת חגיגה דף ג': אם אנשים באים ללמוד נשים באות לשמוע, טף למה באין. כדי ליתן שכר למביאיהם.

אין גמרא ווערט דערציילט, אז ווען רבי יהושע האט געהערט דעם אויבנדערמאנטן מאמר "כדי ליתן שכר למביאיהם", האט ער אויסגערופן "מרגליות טובה היתה בידכם ובקשתם לאבדה ממני". לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט רבי יהושע אנגערופן דעם מאמר "מרגליות טובה", און אזוי שטארק נתפעל געווארן דערפון?

נאר אין ירושלמי (מסכת יבמות פ"א) ווערט דערציילט אז די מאמע פון רבי יהושע האט אריינגעשטעלט רבי יהושע אין ביהמ"ד מיט זיין וויגל זייענדיג א קליין קינד, כדי זיינע אויערן זאלן איינזאפן אין זיך דברי תורה. דעריבער איז דער מאמר, אז "ברענגן קליינע קינדער אין בית המדרש צו הערן דברי תורה איז א מצוה וואס מען געט דערפאר שכר", געווען גאר חשוב ווי א טייער פערל שטיין, ווייל זיין מאמע האט דאך געטוען אזוי מיט אים זייענדיג א קינד.

**יום הקדוש**

## שניידן דין

ערב יום הקדוש ביים טיש פלעגט דער הייליגער סבא קדישא זאגן פארן גבאי וואס האט געשניטן די חלה, "שנייד דין, שנייד דין". ער האט געהאט א טיפערע כוונה מיט די ווערטער, מיינענדיג צו זאגן דערמיט צושניידן דעם גזר דין, און דערמיט משפיע זיין פאר כלל ישראל רחמים וחסדים.

*

## ויאמר ה' סלחתי כדבריך.

איינמאל יום הקדוש אויפדערנאכט ווען דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע האט געהאלטן ביי די תפלה פון "כל נדרי", ביים זאגן דעם פסוק "ויאמר ה' סלחתי כדבריך", האט ער זיך אפגעשטעלט און זיך אנגערופן:

"רבותי, חז"ל זאגן כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם, ווער עס זאגט נאך א זאך אין נאמען פון א צווייטן ברענגט די גאולה, צוליב דעם לאמיר אלע זאגן אין נאמען פונעם אייבערשטן "ויאמר ה' סלחתי כדבריך".

*

## דער צענטער - א משומד

צום הייליגן רבי אשר'ל פון סטאלין זי"ע זענען אמאל געקומען א גרופע חסידים אויף ראש השנה. ביים זיך געזעגענען אויפ'ן וועג אהיים, האט זיי רבי אשר'ל געזאגט "איר זאלט וויסן אז יום הקדוש קען מען אויך מצרף זיין אפילו א משומד צום מנין".

אויפן וועג אהיים פלוצלונג האט זיך אראפגעלאזט א שטארקע שניי, און זיי האבן נישט געקענט ווייטער פארן אין וועג. די גרופע חסידים זענען נאר געווען ניין מענטשן, און זיי זענען געווען מורא'דיג בצער אז זיי וועלן נישט קענען דאווענען מיט מנין אום יום הקדוש. פלוצלונג דערזעהן זיי א איד קומען פונדערווייטענס צו זייער ריכטונג, מיט גרויס שמחה האט דער איד מסכים געווען צו דאווענען מיט זיי, און זיי האבן זיך גאר שטארק געפריידט דערצו.

יענע איד איז א גאנצן דאווענען געשטאנען מיטן פנים צו די וואנט, און אפילו ביינאכט ווען יעדער איז שוין געשלאפן האט דער איד ווייטער געדאווענט, און מתפלל געווען. מוצאי יוה"ק איז מען צוגעגאנגען צו אים וועלענדיג אים געבן אויסצופאסטן, ווי דערשראקן זענען זיי געווארן זעהנדיג ווי דער איד איז אויסגעגאנגען.

די גרופע חסידים האבן זיך גאר שטארק דערשראקן, מורא האבענדיג אז מען וועט יעצט מאכן א בלבול אז זיי האבן דער'הרג'ט דעם מענטש, האבן זיי אים ארויפגעלייגט אויף זייער וואגן, און אזוי זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין.

אונטערוועגענס האבן זיי געהערט שמועסן, אז דער משומד וועלכע פלעגט זיך דרייען ביים פריץ, איז פלוצלונג פארשוואונדן געווארן, און קיינער ווייסט נישט וואו ער געפינט זיך. די חסידים האבן גלייך פארשטאנען אז דער משומד איז דער צענטער, און אים האבן זיי יעצט אויפ'ן וואגן, און זיי האבן זיך אויך דערמאנט וואס רבי אשר'ל האט זיי געזאגט בשעת זיך געזעגענען "אז יום הקדוש קען מען אויך מצרף זיין א משומד צום מנין"...

המשך מע' א

שגם האדם יתעורר למטה, להתכונן אל קדושת היום למעלה מטבעו ומזגו ולמעלה מכחותיו, באופן שהדבר יהיה נוגע בנפשו. אבל אם ניגש אל קדושת היום בקרירות הלב, ודי לו בזה שקנה לעצמו מחזור חדש, ובזה שבא בליל יום הקדוש מלובש לבנים, וגם בוכה קצת, בזה לא יזכה שיומשך לו כפרה כזו.

ולזה נאמר אנכי אנכי הוא מוחה "פשעיך", שאם הם פשעיך, שאתה מכיר שפשעת לפני, ואתה מקבל עול הפשע על צואריך, והדבר נוגע בנפשך לשוב עליהם בלב שלם, ואתה כורת ברית חדשה עם ה' שלא לשוב עוד לכסלה, אזי "אנכי אנכי הוא מוחה", אני ממשיך לך כפרה ממקום גבוה, למעלה משורת הדין.

כי זהו הכלל, שהקב"ה מתנהג עמנו כפי מה שאנו מתנהגים, וכמו שאומרים, אדון הכל הדורש לעם דורשיך, שהקב"ה דורש אותנו כפי מה שאנו דורשים אותו, לא תתפרש מנן ואל נפרוש ממך אדון הכל, שהקב"ה אינו מפריד את עצמו מאתנו, כפי מה שאנו מקבלים שלא להיפרד ממנו.

וכך נזכה לקבל ביום הזה קדושה וטהרה רבה, וסייעתא דלעילא, שישאר בקרבנו לכל השנה כולה, כי כפי מה שהאדם מכין את נפשו לקבל את יום הקדוש הבעל"ט, כך זוכה שקדושת היום תחקק בקרבו, ותשאר בקרבו על כל השנה, כי כפי גודל ההכנה, כן נשאר רושם היום אלאחר כך, אכי"ר.

(עבו"ע פתגמ"ק וילך – שובה)

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהרה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זי"ע

ערב יום הקדוש, ט' תשרי, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי הירצקא'לע ראצפערטער, הרה"ק רבי נפתלי צבי בן רבי יעקב פרץ זי"ע.

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער רבי הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע איז געווען א תלמיד פונעם בעל מנוחת אשר מ'טשענגער זי"ע, בעל צרור החיים מ'סעליש זי"ע, הרה"ק מ'ליסקא, דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע, און הרה"ק מ'צאנז זי"ע וועלכער האט אים מסמיך געווען צו זיין א פועל ישועות.

רבי הירצקא'לע איז געווען שטאט-רב אין יאנושי, און דערנאך אין שטאט ראצפערט, ווי דארט איז ער באוויסט געווארן פאר א געוואלדיגער בעל מופת, און א גאר גרויסער פועל ישועות.

טראץ דעם וואס די שטאט ראצפערט איז געווען א וועדפונקט פאר א יעדע פראבלעם פאר יעדע איד, וויסענדיג אז אין ראצפערט ווערט מען געהאלפן, האט רבי הירצקא'לע קיינמאל נישט אנערקענט אין זיין גרויסקייט, נאר שטענדיג געזאגט, און אנגעהאנגען די אלע מופתים אין זכות פון זיין רבי'ן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, וועלעכע האט אים מסמיך געווען צו זיין א פועל ישועות.

רבי הירצקא'לע פלעגט ווילן יעדע וואך שבת מברכים אין טאהש, בצל הקודש פונעם הייליגן שרף זי"ע.

רבי הירצקא'לע איז נפטר געווארן אום ערב יום הקדוש, אין יאר תרנ"ח לפ"ק.

### ווען עס ברענט טאקע, מעג מען שרייען

רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע, אז רבי הירצקא'לע פלעגט זיין געוואוינט צו דאווענען מיט פייער'דיגע קולות, אבער קומענדיג קיין ליסקא צום הייליגן אך פרי תבואה, האט ער זיך איינגעהאלטן פון דאווענען מיט א ברען, צוליב דעם וואס דער אך פרי תבואה פלעגט דאווענען מיט אן איינגעהאלטענקייט און געלאסן, און האט נישט געגליכן די וועלכע דאווענען אויף א ברענעדיגע אופן. האט אבער דער אך פרי תבואה געזאגט פאר רבי הירצקא'לע, "איך בין נאר ברוגז אויף די וועלכע וואס שרייען אז ס'ברענט, און עס ברענט נישט, אבער ווען ס'ברענט מעג מען שרייען"...

### אל תבטחו בנדיבים - בבן אדם שאין לו

ווי באקאנט איז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שטענדיג געווען פארנומען מיט זיינע צדקות צו פארטיילן פאר ארימעלייט, און נויטבאדערפטיגע.

עס ווערט דערציילט אז רבי הירצקא'לע איז אמאל אנגעקומען צום צאנזער רב פונקט ווען ער האט געזאמעלט געלט פון די עשירים פאר א געוויסע צדקה צוועק, אבער היות אז דער צאנזער רב האט שוין עטליכע מאל געבארגט געלט פון די עשירים און נאכנישט צוריקגעצאלט, האבן אים דאן די עשירים נישט געוואלט בארגן געלט, וויסענדיג אז ביז זיי וועלן צוריקזעהן זייער געלט, קען נעמען א שיין ווילע.

ווען רבי הירצקא'לע האט געזעהן ווי זיין רבי זוכט געלט, און האט נאכנישט מצליח געווען צוזאמצושטעלן די סומע וואס ער דארף האבן, האט ער באלד אויסגעפאקט זיינע אלע קעשענעס, און דאס אהינגעגעבן פארן צאנזער רב.

ווען דער צאנזער רב האט דאס געזעהן, האט ער געטייטשט אלס א ווערטל, "אל תבטחו בנדיבים", זאלסט דיר נישט פארלאזן

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ו' תשרי | הרה"ק רבי ארי' לייב בן רבי ברוך זי"ע - השפאלער זיידע | תקע"ב |
| ט' תשרי | הרה"ק רבי נפתלי הירצקא בן רבי יעקב פרץ זי"ע - מ'ראצפערט | תרנ"ח |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ז' תשרי | הרב הגאון ר' דוד יצחק בן ר' אהרן יודא ז"ל ווילינגער | תשע"א | הר המנוחות בירושלים עיה"ק |
| י' תשרי | הרה"ג ר' שמעי' בן ר' חיים ברוך ז"ל שווארץ<br>אב"ד נירעדהאז-וועלז | תשמ"ב | |
| י"א תשרי | הרב החסיד ר' מרדכי בן ר' אברהם צבי ע"ה בערגער<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ז | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

אויף די גרויסע נגידים, נאר – "בבן אדם שאין לו" אויף דעם מענטש וואס פארמאגט גארנישט, "תשועה" פון אים וועט קומען די ישועה.

## דאס שלאף-קלייד ראטעוועט

צום הייליגן רבי הירצקא'לע ראצפערטער איז אמאל אנגעקומען א איד מיט א צובראכן הארץ, און זיך אויסגעוויינט פארן צדיק אז זיינע געשעפטן גייען לעצטענס שווער, זיין סחורה איז פון גוטע קוואליטעט און פארקויפן זיך, און סוחרים קומען אריין קויפן ווי געווענדליך, אבער קומענדיג סוף וואך זענען זיינע פארדינסטן ניטאמאל צו באצאלן די סחורה וואס איך האבן געקויפט, "יעדן טאג ווערט מיין הצלחה שוואכער און שוואכער" – האט דער איד מיט א צובראכן הארץ אויסגעפירט.

יעצט האב איך זיך אריבערגעכאפט צום רבי'ן צו באקומען א ברכה און א עצה, וויאזוי איך זאל מיר אומגיין מיט מיין געשעפט צו עס צוריק אויפלעבן צו מאכן רווחים ווי אין די פארגאנגענהייט.

ווי פארוואונדערט איז ער געווארן, באקומענדיג פון רבי הירצקא'לע אן אינטערעסאנטן תירוץ: "איך האב פאר דיר איין עצה, גיי און קויף דיר א שְׁלָאף-קלייד, און דער אייבערשטער וועט דיר שוין העלפן"...

נאכן הערן דעם מאדנעם תירוץ פון רבי הירצקא'לע, האט דער איד באלד פארשטאנען, אז דער רבי האט נישט פארשטאנען זיין פראבלעם, און אנגעהויבן איבערזאגן פאר רבי הירצקא'לע פארוואס ער איז געקומען.

אבער רבי הירצקא'לעס ענטפער האט זיך נישט געטוישט, און זיך אנגערופן צו דעם איד "איך האב דיר שוין געזאגט וואס דו זאלסט טוען, קויף דיר א שְׁלָאף-קלייד, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן...

מיט א שווער הארץ, אבער פיל מיט בטחון און אמונת צדיקים, האט דער איד פארלאזט דעם פלאץ, און געשפאנט אויפ'ן וועג אהיים. אינמיטן וועג האט זיך דער איד אפגעשטעלט אין א געוויסער שטאט, און האט זיך ארומגעקוקט אין די געשעפטן וואס ער קען איינקויפן, ווען פלוצלונג האט ער באמערקט א "שְׁלָאף-קלייד" , און דער איד איז באלד אריין אין געשעפט און געקויפט דעם "שְׁלָאף-קלייד", און דערמיט זיך צוריק געלאזט אין וועג.

אנקומענדיג אהיים זענען זיינע קינדער אים אנטקעגן געלאפן מיט גרויס פרייד, און האבן גלייך געפרעגט, "וואס האט דער רבי געהייסן טוען"?.

צו די גרויס וואונדער פון אלע, האט דער איד ארויסגענומען דעם "שְׁלָאף-קלייד", און רופט אויס הויך מיט דעם שְׁלָאף-קלייד אין האנט, "דאס האט מיר דער רבי, רבי הירצקא'לע געהייסן קויפן, און געזאגט אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן".

אז די קינדער האבן געזעהן ווי זייער טאטע האט אמונת צדיקים, און איז רואיג מיט דעם שְׁלָאף-קלייד, אז דערפון וועט קומען דעם ישועה, האבן זיי אויך געהאט אמונת צדיקים, און געווארט מתי יבוא, ווען דער מינוט וועט קומען, און מען וועט זעהן בחוש אז דורך דעם "שְׁלָאף-קלייד" איז דער ישועה געקומען.

איין נאכט, אפאר טעג נאכן אהיימקומען פון רבי הירצקא'לע, זייענדיג אויסגעמאטערט און מיד נישט קענענדיג איינשלאפן, האט אים זיין ווייב גע'עצה'ט, אז ער האט דאך איינגעקויפט זייענדיג אונטערוועגנס א שלאף-ראק, דעריבער זאל ער אנטוען דעם ראק, און ארויסגיין כאפן אביסל פרישע לופט אויפן גאס.

דער איד איז טאקע ארויס מיטן "שְׁלָאף-קלייד" כאפן אביסל פרישע לופט, ווען שפאצירענדיג, האט ער באמערקט פונדערווייטענס ווי אין זיין געשעפט איז ליכטיג, קומענדיג נענטער, זעהט ער ווי דער טיר איז אויך אפן. דערשראקענערהייט האט ער באלד צוריק צוגעשפארט די טיר, כדי אז די גנבים זאלן נישט קענען אנטלויפן, און אין גרויס איילעניש איז ער געלאפן צו די פאליציי איינמעלדן איבער די אנגייענדע גניבה ביי אים אין געשעפט.

אנקומענדיג מיט די פאליציי צום געשעפט און אריינגייענדיג, האט זיך אנטפלעקט אז דער גנב איז נישט קיין צווייטער ווי זיין בוכהאלטער, וועלכע מאכט אים אלע חשבונות אין די ביזנעס.

די פאליציי האבן אים גלייך ארעסטירט און אפגעפירט אין תפיסה, און דאן אריבער צו אים אין הויז, און דארטן אפגעפינען אוצרות פון געלטער וואס דער בוכהאלטער האט שוין באוויזן צו גנב'נען פון דעם איד'ס געשעפט, זינט ער פירט אים די געשעפטן.

אזוי ארום איז דער איד געוואר געווארן די אורזאך פארוואס ער זעהט אין די לעצטערע צייט נישט קיין פארדינסטן אין זיינע געשעפטן, און איז געהאלפן געווארן בזכות פונעם הייליגן צדיק רבי הירצק'לע ראצפערט'ער.

**זכותו יגן עלינו ועל**
**כל ישראל אמן**




# בנין בית המקדש בימינו

## מצות בית המקדש נוהגת אף בזמן הזה

נצטווינו על ידי הבורא ברוך הוא במצות בנין בית הבחירה, וכבר הזכרנו אודות מחלוקת הראשונים במקור מצוה זו, על כל פנים הדבר ברור ומוסכם כי מדובר באחת מתרי"ג המצוות שנצטוו בה ישראל.

מסופר בפי העולם על דרך צחות, כי פעם ניגש אדם לחבירו ועוררו על דבר חומר מצות בניית המקדש בזמן הזה, והסביר לו כי מדובר במצות עשה מן התורה, שאין כל מקום להשתמט מלקיימה. הלה ניסה לטעון לעומתו כי אין מקור למצוה זו, אך חבירו פתח לו את הרמב"ם בהלכות בית הבחירה, והראה לו בתחילתם את דברי הרמב"ם שמצוה הוא לבנות בית המקדש. נענה לו חבירו ואמר לו בביטול, מה מוכיח אתה מדברי הרמב"ם, הרי הרמב"ם לא דיבר כלל על ימינו אלה, שכן דברי הרמב"ם נאמרו בימים מקדם בזמן שבית המקדש היה קיים, מה שאין כן עתה כשחרב בית מקדשנו ותפארתנו, אין מקום לדברי הרמב"ם...

אכן כל שומע את הדברים מבין כי מדובר בדברי בדיחותא, כי ברור ופשוט לכל אחד אשר מצוה זו, ככל המצוות שנמנו על ידי מוני המצוות, נאמרה לשעתה ולדורות, כידוע דברי הרמב"ם בספר המצוות (השורש הג') "שאין ראוי למנות מצות שאין נוהגות לדורות", וממילא מאחר שהביא הרמב"ם מצוה זו בספר המצוות (עשין כ'), בהכרח כי מצוה זו נוהגת אף בימינו אלה, מעתה אין לנו אלא לברר מדוע אין נזהרים לקיים מצוה זו בימינו, ולא ראינו ולא שמענו שיעלה אדם על לבו לעורר אודות מצוה זו.

## כל ציפייתנו שיבנה בית המקדש על ידי משיח צדקינו

והנה תחילה יש להבהיר כי בוודאי דברינו נאמרים להלכה ולא למעשה, כי פשוט וברור הדבר שבניית בית המקדש הוא התגרות נוראה באומות, ובוודאי כי הדבר אסור בתכלית, ואין כל

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

מקור להתירו רחמנא ליצלן, ואף כאשר התעורר לפני מאתיים שנה פולמוס הקרבת הקרבנות בזמן הזה, בו נטלו חלק גדולי ומאורי הדור כהגאון רעק"א וחתנו החתם סופר, לא העלה איש על קצה דעתו את רעיון הקמת בית המקדש, ואף על הקרבת הקרבנות מעיר כבר החתם סופר בתשובתו (ח"ב סי' רל"ו) כי לא יניחו בני ישמעאל לעשות כן בהר הבית, ועל אחת כמה וכמה כשמדובר אודות בניית בית המקדש.

זאת ועוד, מובא (ברכת חיים ח"ב סי' ט') בשם הרה"ק הדברי חיים מצאנז זי"ע, כאשר התעורר ברון הירש וביקש לרכוש את הר הבית מיד הערבים שיהיה ביד ישראל ויוכלו לבנות עליו את בית המקדש, התבטא הרה"ק הדברי חיים זי"ע ואמר, כי בוודאי בכוחנו לבנות את בית המקדש, אך לא על זה מחכים אנו כבר קרוב לאלפיים שנים בגלות המר הזה, בכדי שיבוא ברון הירש וימציא לנו את בית המקדש. כאומר, אשר אחר גלות בני ישראל לאורך שנים ארוכות, מצפים ומחכים הם שיגלה עליהם משיח צדקינו עם בית מקדשנו ותפארתנו, ולא שיבנוהו באופן שאין דעת הקב"ה נוחה הימנו.

אך לא דבר ריק הוא מכם, באשר הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע מקדיש לכך סימנים ארוכים בספר הקדוש ויואל משה במאמרו 'מאמר שלש שבועות' (סימן נ"ה - ס"ב), להוכיח בהוכחות שאין מקור לחיוב בניית בית המקדש בזמן הזה, ולא זו אף זו, שאין הדבר יכול להיעשות מכמה טעמים. על כן נבוא להציע את עיקרי הנידון, וכאמור דברינו הינם להלכה ולא למעשה.

## הדיוקים מדברי הרמב"ם שיש מקום לבנות בית המקדש קודם ביאת המשיח

היו שטענו, כי מדברי הרמב"ם (פי"א מהלכות מלכים ה"א) שכתב: "המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה, ובונה המקדש", מפורש שרק לעתיד כשיבוא מלך המשיח יהא אפשר לבנות את בית המקדש, ועל כן אין לבנות את המקדש קודם ביאת המשיח.

אך טענה זו יש לדחות בקל, כי הרי עוד כותב הרמב"ם (פי"א מהלכות מלכים ה"ד): "אם יעמוד מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצוות כדוד אביו, כפי תורה שבכתב ושבעל פה, ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה, וילחם מלחמות ה', הרי זה בחזקת שהוא משיח", הרי שחלק מפעולותיו של המשיח הוא לכוף את כל ישראל לילך בדרכי התורה, וכי נאמר שאסור לנו לכוף את ישראל לילך בדרכי התורה והמצוה, מאחר וזה עתיד לעשות מלך המשיח, הרי פשוט הדבר כי בוודאי מצוה עלינו לעשות כן בכל יכולתנו, ואין זה אלא שאם עוד ידרש לכוף יותר את העם אחר שיבא משיח צדקינו, יעשה דברים אלו המשיח. והוא הדין והוא הטעם לענין בניית בית המקדש, אשר בכל שלא יקדימו לבנות בית המקדש לפני ביאת המשיח, תהיה זו אחת מן הפעולות שיעשה מלך המשיח, אך אין איסור להקדים ולעשותה לפני כן, בכל שהדבר יכול להיעשות.

אדרבה מדברי הרמב"ם שם יש מקום להוכיח להיפך, כי שייך לבנות את בית המקדש אף קודם ביאת המשיח, ואין בדבר כל איסור, שכן כתב הרמב"ם בהמשך ההלכה: "אם עשה והצליח ונצח כל האומות שסביביו ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל הרי זה משיח בודאי. ואם לא הצליח עד כה או נהרג, בידוע שאינו זה שהבטיחה עליו תורה, והרי הוא ככל מלכי בית דוד השלמים הכשרים שמתו". מפורש בדברי הרמב"ם שאם יבנה המשיח את בית המקדש וימות לאחר מכן, אין בדבר כל פסול, אלא שיתגלה בכך כי אינו המשיח, אלא הוא ככל מלכי בית דוד השלמים והכשרים שמתו, אף שבפועל כבר בנה את בית המקדש, ומפורש כי שייך לבנות את בית המקדש אף קודם שיבא משיח צדקינו לגאלנו.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

### די קשר של יו"ד

אויף די תפילין של יד איז דא א קשר מיט די צורה פון א יו"ד, און די מנהג איז אז די יו"ד איז צו די זייט פון די הארץ, און די תפילין לצד חוץ[1].

מ'דארף שטארק נזהר זיין אז די יו"ד זאל נישט זיין אוועקגעריקט פון די תפלה[2] (איין תפילין, ווי נאר די תפילין של יד, אדער נאר דער של ראש ווערט אנגערופן 'תפלה'). דער זוהר הקדוש איז שטארק מחמיר אין דעם[3].

לכתחילה זאל די יו"ד אנרירן די בית[4], און נישט נאר די מעברתא. אויב ס'רירט נישט אן, זאל מען איינציען די רצועה אז ס'זאל יא אנרירן. (דעריבער זענען דא פירן זיך נאכן הידוק ארומצודרייען א רצועה ארום די מעברתא[5]. אזוי אויך זענען דא וואס זענען מקפיד, אז אפילו ווען ס'ליגט אין די כיס זאל זיך די יו"ד נישט אוועקריקן[6]).

### מקום הנחת של ראש

ס'שטייט אין די הייליגע תורה 'והיו לטוטפות בין עיניך', אז די תפילין דארפן ליגן צווישן די אויגן, און אונזערע הייליגע חכמים ז"ל לערנען, אז דאס מיינט, אויפן קאפ העכערן שטערן, אקעגן איבער די אויגן; נישט צווישן די אויגן ממש[7].

די פלאץ ווי מ'לייגט די של ראש איז פון ווי די האר וואקסט ארויס ביי די שטערן, דאס הייסט אז די אונטערשטע חלק פון די תיתורא (פארנט פון די תפילין) זאל ליגן דארט ווי די האר 'הייבט אן' אויסצואוואקסן, ביז דארט ווי די קאפ איז ווייך ביי א ניי געבוירן קינד ('מוחו של תינוק רופס')[8].

לכתחילה איז ראוי צו לייגן די תפילין אביסל העכער, ס'זאל האבן אביסל האר צווישן די שטערן און תפילין, אז אפילו אויב ס'וועט זיך אביסל רוקן, זאל ער עס נאך לייגן אויפן ריכטיגן פלאץ[9]. ווי אויך איז דא א ענין דערביי[10].

עצה טובה: בשעת מ'מאכט די קשר פון של ראש, זאל מען אפשערן די קינד פארדעם, און דעמאלטס ווען מ'מאכט א קשר וואס איז גוט מהודק אויפן קאפ, וועט זיך דאס האלטן לענגער מהודק.

אויפן שטערן

די תיתורא זאל נישט ליגן אויפן שטערן אפילו אביסל, (אדער אויף האר וואס ליגן ארויסציר פון ווי די האר הייבט אן צו וואקסן), לויט רוב פוסקים האט מען נישט יוצא געווען[11].

אין א צייט ווען די האר איז גרויס, ווי סוף ספירה טעג, דארף מען נאכאלץ רעכענען נאר די פלאץ פון ווי די עיקרי השער וואקסן ארויס.

העכער ווי מוחו של תינוק רופס

די מעברתא פון די תפילין זאל נישט ליגן העכער ווי מוחו של תינוק איז ווייך[12].

---

1 שו"ע (כז ס"ב).

2 שו"ע (סי' כז ס"ב) 'יש ליזהר שלא תזוז יו"ד של הקשר מהתפלה'.

3 בזוהר הק' (פנחס דף רלו:) 'יו"ד דא איצטריך דלא יתעדי כלל מגו תפילה דיד, דלא יתעביד פרודא וכו' ומאן דרחיק ליה מאתר דא, רחיק הוא מעידונא דעלמא דאתי', וכן מביא בב"ח 'צריך שיקרב היו"ד שברצועה של יד אצל הבית של יד בקשירתו, ומי שמרחקו ירחקו חיים ממנו וכו' ויש טעם גדול מצד הקבלה'.

4 בדיעבד איז גענוג אז עס רירט אן די מעברתא.

ע' שו"ת תשורת ש"י (מהדו"ת סי' צג) 'איתא בספר מצות שימורים (הל' תפילין) דצריך לקשר היו"ד על המעברתא עם הבית מאחוריו, וצריך לכרוך עליו הרצועה כדי דלא יעדי כלל מגו תפילין דיד דלא יעביד פרודא וכו' ועדיין י"ל דדוקא אם מרחיק היו"ד מהבתים ד[מרוחק היא ע"י שביניהם] מפסיק הרצועה, או אף דמקרב להמעברתא [מ"מ מרוחק הוא מהבית] דמפסיק המעברתא, אבל כשמניח היו"ד על המעברתא דאין מפסיק בית הבית להיו"ד רק אויר לבד י"ל לבוד וכו' אך בסידור קול יעקב כתב דצריך להדק היו"ד תמיד עם הבית כמ"ש הזוהר, אמנם בזוהר לא כתב דצריך להדק'.

אבל בשו"ת אבני נזר (שו"ת או"ח סי' יד) 'מקרוב באו לשנות בתש"י, שעד עתה המנהג פשוט להיות היו"ד מונחת אצל התיתורא, ועתה באו לשנות לחתוך באופן שיהי' מונח על התיתורא סמוך אל הבית ממש וכו', והנני עומד בדעתי שלא לשנות מאשר הי' המנהג מעולם' משמע דא"צ להיות א' דבוק ממש ב' להבית, רק די שמונח סמוך להתיתורא.

ובאשל אברהם (סי' כז סק"א): 'לא נתפרש אם הקפידא שלא לזוז [היו"ד] מ[גוף] הבית בגובהו, ולא מהני מה שאינו זז מהמעברתא והתיתורא, או שהקפידא רק שלא להרחיק מהמעברתא, וראיתי הרבה סופרים מובהקים נזהרים הרבה ועושים חתך בתוך המעברתא כדי שלא יזוז קשר היו"ד מגוף הבית בגבהו'. ובמ"ב (סקי"א) מביא לחומרא וכותב 'ויחתוך בתיתורא מלמעלה ויהדק היו"ד עם הבית'.

ובדיעבד שלא נגע היו"ד כלל בהתפילין ע' באשל אברהם (קמא) שוין בזה ומצדד שזהו רק מדת החסידות, ואכן במרא דשמעתתא (אות טז) מסיק שזה דין לכתחילה וא"צ לחזור ולהניח.

5 מצות שימורים (מובא לעיל), אור צדיקים (סי' ח ס"ד): 'ויזהר שלא יזיז היו"ד מן הבית של התפילין, ויהדק ברצועה סביב'.

6 מ"ב (סי' כז סק"י).

7 מ"ב (סקל"ג) 'דבין עיניך לאו ממש הוא'.

8 שו"ע (סי' כז ס"ט), ומ"ב (סקל"ג), ובביה"ל (ד"ה עד סוף) דיותר טוב קצת למעלה. אבל בגר"א (ס"ט) מבואר דכל שסמוך יותר לתחילת המצח עדיף.

כף החיים (סי' כז סקל"ט):'ועיקרי השערות לא [נקרא] מי שיש לו שערות ארוכות ושוכבים עד חצי מצח ומניח שם תפילין, רק התחלת מקום התפילין מהתחלת עיקרי השער'.

9 שלחן מלכים (סי' י סקנ"ט).

10 כה"ח (סי' כז סקל"ח) 'ובשל"ה כתב שיהא נראים קצת השערות למטה מן התפילין ונתן סימן במה שנאמר וסביביו נשערה מאד'.

11 ע' טו"ז (סי' כז סק"י), א"ר (סק"י) בה"ט (סקט"ז), שע"ת (סק"ט), נחל אשכול (סוף הל' תפילין), ברכי יוסף (שיו"ב סי' כז), פמ"ג (סי' כז מש"ז סק"י), א"א מבוטשאטש (סי' כז ס"ט ד"ה אחד הניח, וצוה להניח עוד הפעם ויברך על תש"י בהנחה שניה, ובד"ה מקום הנחת מצדד ללמד זכות דרובו ככולו), ובמאסף לכל המחנות (סי' כז סקס"ז) מביא שהאשל אברהם שמסתפק ואכן בסידורו כתב שיש ליחד איש אחד משגיח ע"ז שלא יצא משהו מעיקרי השער, ושידוע שבאשל אברהם כתב מה שעלה ברעיונו למזכרת, ויש כמה דברים שאח"כ לא הי' דעתו כן, ולכן יש לנקוט מש"כ בסידור, חסד לאלפים (סי' כז ס"ז), יסוד ושורש העבודה שער העבודה (פ"ט), שו"ת באר יעקב (סי' קל"א, מובא במאסף לכל המחנות (סקס"ב) וחולק על הא"א הנ"ל וכתב בפשיטות שיש לברך גם על של ראש ברכה אחרת דהוי הפסק), שועה"ר (סי"ד), שו"ת דברי חיים (ח"ב או"ח סי' ו), קיצור ש"ע (סי' ס"ג, שבירך לבטלה), ובמאסף לכל המחנות (סקס"א) מביא ג"כ שו"ת אבן שתיה (סי' יב), ושבילי דוד סי' כז אות ד), משנה ברורה (סי' כ"ז סק"ט) 'וכן כל בעל נפש יזהיר לחבריו וילמדם שלא יכשלו בזה כדי שלא יהיה ח"ו פושעי ישראל בגופן דזהו קרקפתא דלא מנח תפילין אם מונחין על המצח, וגם הברכה הוי לבטלה, דתפילין שמונחין שלא במקומן הוי כמונחין בכיסן', ערוך השולחן (ס"כ) 'ויש להזהיר להמון על ככה כאשר ראינו בעינינו שרבים נושאים השל ראש חצי על המצח, ואוי לאותה בושה כי לא קיימו מצות תפילין מימיהם, ומברכים לבטלה ועונשם גדול וכו' וראיתי כמה מיראי ה' שהולכים ומעיינים בכמה בני אדם אם מונחים השל ראש כראוי ומתקנים להיות כראוי ואשרי חלקם ושכרם גדול מאד'.

דברי יחזקאל החדש (עמ' שיב הליכות והלכות) שצוה לעשות קשר פשוט 'הואיל והקשר המיוחד הזה יודעים לעשותו רק יחידי סגולה בעולם, וקשה ללמוד אותו, והרצועות שהן של עור מטבעם מתרחבים במשך הזמן, ויש צורך לקצרם, וקשה למצוא מומחה שיודע לטפל בקשר כזה, א"כ יכול לצאת ח"ו תקלה של אי הנחת תפילין כמצותו וחשש ברכה לבטלה'.

אכן יש המלמדין זכות, ע' ברכת הבית (שער ל"ח סי"ח) 'יש לדקדק שלא יהי' אפי' מעט מהתפילין למטה ממקום שער, אך אם היו רובן במקום שער יצא' (שיש ראיה מטו"ז שדי ברוב, אכן בליקוטי מהרי"ח עמ' יז: כתב שאין ראיה מטו"ז), ע' בתורת חיים (סק"י, שאביו הקיל בדבר ברובו במקום שער, אבל סיים שלא משמע כן באחרונים), שו"ת מהרש"ג (ח"א סי' ז' בסופו), שו"ת תפארת זיו (סי' א), ושו"ת מחשבות בעצה (סי' א) שכתבו ללמד זכות באם רובו מונח במקום הכשר די"ל דאמרינן רובו ככולו.

ועי' שלחן מלכים (סי' י סקס"ה) 'אם רוב התפילין מונחים במקום שער ומיעוטם יוצא חוץ לשיער י"א דלא יצא וצריך לתקנם ולחזור ולקרות בהם קר"ש (קיצוש"ע שבילי דוד, משמעות א"א קמא דברי חיים או"ח סי' ו), ויש שמוסיפים שצריך לחזור ולברך עליהם, וי"א שיצא מצותו ועבר רק על מצוה דלכתחילה ונראה דחוזר וקורא בהם קר"ש אבל לא יחזור ויברך'.

12 שו"ע (סי' כז ס"ט), מ"ב (סקל"ג לד).

איבערצוגעבן אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף פאסט 11 Van Buren Dr. #305 Monroe, NY 10950
שיקט א פעקס 877.760.0544
לאזט א מעסעדזש אויף קול איחוד 718.451.8674 Ext. 841

## לערנען אין טאהש א סגולה פאר א גוטע שידוך און גוטע קינדער....

איך וויל איבערגעבן אן עפיזאד וואס מיין טאטע הרה"ח ר' דוד ישעי' געלב פון לאנדאן האט געהאט מיטן הייליגן רבי'ן. ביטע ארייננלייגן אינעם גליון באור החיים. און מ'קען זיך פארבינדן מיט אים אלייניס צו הערן ערשטע האנט, און בכלל איז כדאי צו מאכן א שמועס מיט אים איבער זיין שייכות מיטן הייליגן רבי'ן, און איבער זיינע יארן וואס ער האט געלערנט אין טאהש.

מיין טאטע האט געלערנט דא אלע זיינע בחור'ישע יארן, און אפי' אלס קינד אויך. זיין טאטע האט אים געשיקט לערנען אויף טאהש שוין פון די 11 יאר און ער האט געלערנט דא ביז די חתונה.

ווען ער איז געווען 16 יאר, איז געווען א תקופה וואס איז געווען א שטיקל ווינט צווישן די בחורים איבער אוועקפארן לערנען, בעיקר צוליב אן אויסרייד אז כדאי צו קענען א חתן ווערן דארף מען לערנען ערגעץ אנדערש.

עס איז געווען סוף זמן, ווען דער רבי איז געווען אויפן וועג צו פארהערן די בחורים האט דער רבי געכאפט א שמועס מיט מיין טאטע איבער דעם אז ער וויל אים האבן דא ווייטער אין טאהש. דער רבי האט געשמועסט מיט מיין טאטע ביי די סינק נעבן די מקוה בערך א האלבע שעה. דער רבי האט אים צווישן אנדערע ארויסגעברענגט אז ס'איז טאקע דא אנדערע ישיבות, אויך ישיבות וואס מ'לערנט פלייסיג, און ס'געפינט זיך תורה, אבער אין אונזער ישיבה איז דא סיי תורה און סיי יראה, סיי לערנען און סיי דאווענען.

מיין טאטע איז טאקע געבליבן לערנען אין טאהש אזוי ווי דעם רבינ'ס רצון, און עס האט ב"ה נישט נאר נישט געשטאדט ביי די שידוכים, נאר פונקט פארקערט, ער האט ב"ה געטוהן א גוטן שידוך, ב"ה פיין חתונה געהאט, און בעיקר אויפגעשטעלט א הערליכע שטוב, שיינע גוטע פירות יראים ושלמים, חסידישע אידן.

יוסף אשר געלב, קרית טאהש

## רביה"ק זי"ע אסאך עוסק געווען אין ספר באר משה

פאריגע וואך (גליון שופטים) איז געווען נאכגעברענגט א ווארט פון ספר דעת משה פון הרה"ק רבי משה'לע קאזניצער זי"ע.

עס איז באקאנט נאך ספרים וואס ער האט מחבר געווען, צווישן זיי דעם ספר 'באר משה', וואס אפשר נישט יעדער ווייסט, אז דער הייליגער רבי זי"ע פלעגט אסאך עוסק זיין דערין. און עס איז געווען פון די ספרים ביים רבי'ן, וואס פלעגט ליגן כסדר אויפן טיש.

אגב איז אינטערעסאנט, אז די וואך (כי תצא) י"ב אלול איז טאקע זיין יארצייט, הרה"ק רבי משה אליקים בריעה בן רבי ישראל זי"ע מקאזניץ.

יעקב א.

## רביה"ק זי"ע: דער שטעטל באלאנגט פארן אייבערשטן, און ער איז דער וואס פארלאנגט די תקנות

איך וויל צולייגן אויך די בריוו איינע פון די לעצטערע וואכן (שופטים) איבער די תקנות, אז אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבויעט דעם שטעטל, אז אידן זאל זיך קענען פירן בקדושה וטהרה, זיך צוזאמהאלטן מיט אן אחדות, דינען דעם אייבערשטן, זיך פירן בצניעות, זיין אפגעטיילט פון גוים און פון גוישקייטן, וכו' וכדו', אזוי ווי דער רבי

פלעגט זאגן, אז ער האט געבויעט דעם שטעטל פאר די שכינה הקדושה, אז אידן זאלן זיך צוזאמהאלטן אין אן ערליכן קבוצה, מיט יראת שמים, מיט קדושה וצניעות און אזוי ווייטער.

ממילא איינער וואס פילט אז די תקנות זענען נישט געמאכט פאר אים, מיינט עס אז ער וויל נישט זיין אין דעם ערליכן קבוצה, אויב אזוי איז די שטעטל לכאורה נישט געמאכט פאר אים. קען זיין אז קיינער ווארפט אים טאקע נישט ארויס בפועל, אבער ער איז פשוט אליינס מגלה דעת אז ער באלאנגט נישט דא, ער ווייזט קלאר אז ער וויל נישט וואוינען אין אזא הייליגן פלאץ, און ס'וואלט אים בעצם געווען ניחא אסאך מער צו וואוינען אן קיין אזוי גרופענע אידישקייט פרעשער...

איך האף אז קיינער וועט זיך נישט פילן געטראפן פון מיינע ווערטער. ס'איז בעצם נישט איך וואס זאג דאס. דער הייליגער רבי האט דאס מער ווי איינמאל געזאגט, און עס איז שוין אויך געווען געדרוקט וואס רבינו שליט"א האט געזאגט זייער קלאר. ס'איז אמת אז דער רבי ווארפט טאקע נישט ארויס קיינעם, אבער מיט זיין מגלה דעת זיין וואס ער האלט איז עס זייער פארשטענדליך. און אויב ער פילט געטראפן פון דעם פרעזענליך, ווייסט ער אליינס אז ס'מיינט אים, און מיט א קבלה אויך להבא איז ער ווייטער וועלקאם דא עד מאה ועשרים שנה.

איך וועל ענדיגן מיט דעם הייליג לשון פון רביה"ק זי"ע אין א דרשה לנשים צדקניות, בחודש תמוז תשנ"ח: **ממילא דארף א יוד זיך אלץ אננעמען פאר'ן כבוד ה', ער דארף זען ס'זאל זיין וימלא כבודו את כל הארץ, מ'טאר נישט שווייגן פארדעם זענען מיר זיך צוזאמען געקומען היינט, ווייל דער אייבערשטער פארלאנגט איך זאל זאגן די תקנות, און איך פארלאנג אז יעדער זאל דאס איינהאלטן, ווייל אלעס וואס איך זאג איז דאס וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל זאגן, די אלע זאכן וויל דער אייבערשטער איך זאל דאס איבערגעבן, און איך זאל נאכקוקן אויב ס'רירט זיך, איך האף אי"ה אז מ'וועט זען א שינוי לטובה און אן אור חדש.**

ש. ט.

## דעם רבינ'ס יחוס צום הייליגן תוס' יום טוב

א גוטע וואך, איך באקום יעדע וואך די גליון באור החיים און איך האב שטארק הנאה דערפון.

איך וויל אנמערקן, אז ביי די לוח היארצייטן, איז נישט געשטאנען די וואך די יארצייט פון הייליגן תוס' יו"ט וואס איז אויסגעפאלן דעם שבת (שופטים) ו' אלול. אויב איך מאך נישט קיין טעות איז דער רבי זי"ע געווען אן אייניקל בן אחר בן פונעם תוס' יו"ט.

אגב, וויל איך טאקע פרעגן, אויב איינער ווייסט טאקע מער דעטאלן וויאזוי דעם רבינ'ס יחוס קומט אן צום תוס' יו"ט, און אויך אויב ס'איז באקאנט די פרטים און די מעשה איבער די נאמען לאווי וואס עס איז געטוישט געווארן פון העללער.

מיט דאנק און שעצונג, ה. יאקאבאוויטש

## מודעה והתנצלות

די לעצטערע תקופה, נאך די התחדשות פונעם מדור "מאנ"ש לאנ"ש", ספעציעל נאך ווען עס זענען אדורכגעטוהן געווארן פארשידענע ברענעדיגע נושאים, איז געווארן זייער שטארק די פלייץ פון בריוון און מעסעדזשעס צום מערכת פון אנשי שלומינו. איז ווי פארשטענדליך איז עס געווארן גאר שווער די אחריות'דיגע ארבעט דורכצוגיין און דורכזיפן אלע בריוון בהשכל ודעת, מיט א פארזיכטיגקייט אז ס'זאל זיין פאסיג לעלות על שולחן מלכים, און אוודאי ס'זאל חלילה נישט גורם זיין עפעס וואס איז פארקערט פון א תועלת, ווען אונזער ציהל איז דאך דא בלויז לאחד תלמידים וחסידים.

פון די וואך וועלן מיר פרובירן צו האלטן קלענער דעם מדור, און עס איז מעגליך אז עס וועט קענען נעמען צייט ביז איינעמ'ס מעסעדזש אדער בריוו וועט פובליצירט ווערן. און אזוי אויך וועלן מיר פרובירן צו געבן א דין קדימה פאר קורצערע בריוון, און עפעס וואס ברענגט ארויס א חידוש אדער א תוספות נופך מיט א תועלת, איבערהויפט ביי טעמעס וואס פארציען זיך לענגער ווי צוויי דריי וואכן.

אין דעם יעצטיגן גליון האבן מיר קודם אריינגעלייגט בריוון און מעסעדזשעס וואס זענען שוין אריינגעקומען עטליכע וואכן צוריק, און מיר וועלן בס"ד אנקומען צוביסלעך צו דרוקן אלע איבעריגע בריוון.

המערכת


בית המדרש זכרון מרדכי ד'טאהש
בארא פארק יצ"ו
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע ~ בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ
באנו בזה להודיע בשער בת רבים
לכל הקהל הקודש
שהגה"צ הדומ"ץ שליט"א
ידרוש בעז"ה
דרשת
שבת שובה
בהלכה ואגדה
בשבת קודש פר' וילך
בשעה 5:30 אחה"צ
ואח"כ תפילת מנחה ושל"ס
בברכת שבת שלו' ומבורך
המסדרים


ביהמ"ד זכרון אוהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי, ניו יארק
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
146 Maple Ave. (corner Decatur) Spring Valley, NY
בעזהשי"ת
פרוס שנת תשפ"ו לפ"ק
הננו בזה להודיע לכל אנשי שלומינו ובאי בית מדרשינו שיחיו
שבעז"ה יתקיים
דרשת
שבת שובה
ע"י מורינו הרב שליט"א
הרה"צ ר' חיים יחיאל אלטר סג"ל שליט"א
בן כ"ק רבינו שליט"א
בשב"ק פרשת וילך-שובה הבעל"ט
בשעה 6:00 אחצ"ה
בהיכל בית מדרשינו
בברכת שבתא טבא הנהלת הבית המדרש


בס"ד
התאחדות אברכים
דביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש
קרית יואל יצ"ו
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
כולל בוקר
בית הוראה
בנין שלם
חבורות עבודת עבודה
שיעורי תורה
סידור חברותות
עזור וסומך
עש"ק וילך-שובה תשפ"ו לפ"ק
מודעה חשובה
הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש אשר
הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א
ידרוש בעז"ה
דרשת שבת שובה
בהלכה ובאגדה
בשבת קודש פר' וילך - שובה
בשעה 5:45 אחצ"ה
בהיכל בית מדרשינו
תפלת מנחה בשעה 6:50
בברכת גמר חתימה טובה
הנהלת התאחדות אברכים


בס"ד
בית המדרש תפארת משולם ד'טאהש
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה • בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א
Cong Paer Meshulom Tosh • 144 Wilson St. Brooklyn N.Y. 11211 • Tell. 718-384-5467
מודעה
הננו בזה להודיע לכל באי בית מדרשינו שיחי' כי
בשב"ק פר' וילך, שבת שובה הבעל"ט
ידרוש
הרה"ג הדומ"ץ שליט"א
קודם קריאת התורה
בענין הקטרת הקטורת
מסכת יומא דף נ"ג
דרוש – אגדה – הדרכה – התחזקות
הגבאים

בס"ד

ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש

# זמנים ליום הקדוש

זמן הדלה"נ............................6:23
כל נדרי...............................7:05
שחרית.................................7:30
יזכור.............................בערך 1:15
מוסף..................................1:45
מנחה..................................5:00
נעילה.................................6:15
זמן מוצאי יו"ט.......................7:49

ויה"ר שיתקבלו תפלתינו ברחמים וברצון לפני אדון כל.

הגבאים

---

בית המדרש

אהל אלימלך ד'טאהש

בית מדרשו הראשון של רביהקוה"ט זי"ע | ע"ש מרן רבינו הסב"ק זי"ע | בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מאנטריאל יצ"ו

# זמני התפילה

## ראש השנה תשפ"ו

סליחות ערב ראש השנה..........5:00

**יום א' ראש השנה תשפ"ו**

הדלקה"נ..............6:35
מנחה ער"ה..........7:25
שחרית................8:30
מנחה יום א'.........7:30

**יום ב' ראש השנה**

מעריב בזמנה.........8:03
שחרית................8:30
מנחה יום ב'.........7:30

**שבת שובה**

הדלקה"נ..............6:27
מנחה ערב שבת....7:12
מנין תהילים.........7:45
תהילים לקינדער...8:45
שחרית שב"ק.......9:30
מנחה שב"ק.........6:40
מוצש"ק...............7:55

**יום הכיפורים**

זמן הדה"נ............6:18
כל נדרי...............7:18
עלות השחר.........5:39
שחרית................8:30
מוציו"כ...............7:46

CONG. OHEL ELIMELECH D'TOSH
5427 JEANNE MANCE ST, MONTREAL, QC H2V 4K5, CANADA | 514-226-4113

---

בס"ד

בית המדרש תפארת משולם פייש ד'טאהש לאנדאן

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

1 Fairholt Road, London, N16 5EN

# זמני תפלה לחודש תשרי תשפ"ו הבעל"ט

**סליחות**

סליחות יום ראשון..........5:00
סליחות ערב ר"ה..........5:30

**ראש השנה**

מנחה ערוי"ט..........7:20
שחרית ב' ימים..........8:00
תקיעת שופר ב' ימים..........12:45
מנחה יום א' ותשליך..........6:30
מעריב ליל ב'..........8:10
מנחה יום ב'..........7:00
מוצאי יו"ט 8:07

**צום גדלי'**

מנחה צום גדלי'..........7:00
מעריב מוצאי תענית..........7:54
אויספאסטן 8:06

**י"ג מדות - יום שני האזינו**

קריאת קרבנות לי"ג מדות אחה"צ..........6:30
מנחה..........7:15
מעריב..........7:55

**יום הקדוש**

כל נדרי וקבל"ש ויו"כ..........7:40
שחרית..........8:00
יזכור..........1:15
נעילה..........6:15
מוצאי יו"ט 7:45

**ימים הראשונים סוכות**

מנחה עריו"ט..........6:50
שחרית ב' ימים..........9:30
מנחה ב' ימים..........6:15
שיעור תורה בין מנחה למעריב
מוצאי יו"ט 7:36

**ימי חוה"מ**

שחרית..........9:30
מנחה..........6:50
שיעור תורה בין מנחה למעריב
מעריב..........7:35

**שבת חוה"מ**

מנחה וקב"ש..........6:40
שחרית..........9:30
מכירת החתנים קודם קריה"ת שבת חוה"מ
מנחה וס"ג..........6:30
מוצאי שבת 7:29

**הושענה רבה**

מעריב ליל הושענה רבה..........7:25
קריאת משנה תורה תיכף אחר מעריב
תהלים בחצות הלילה
שחרית..........9:15

**שמיני עצרת ושמחת תורה**

מנחה עריו"ט..........6:35
שחרית שמ"ע..........9:30
מנחה..........6:30
מעריב ליל שמח"ת..........7:30
שחרית שמח"ת..........9:00
מנחה ונעילת החג..........6:15
מוצאי יו"ט 7:20

**זמני תפלות לשבתות** (עד פרשת לך לך)
כרגיל בימי הקיץ
מנחה וקבל"ש 40 מינוט אחר זמן הדלקה"נ
תהלים 7:30
שחרית 9:30
מנחה וש"ס חצי שעה אחר זמן הדלקה"נ

בברכת שנה טובה ומתוקה

---

בעזהשי"ת

קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380

# סדר יום שלש עשרה מידות

אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בהיכל ביהמ"ד הגדול

סליחות..........בשעה 5:30
אמירת כל ספר תהלים..........תיכף אחר סליחות
תפלת שחרית..........בשעה 8:30 ברכות
קריאת הקרבנות ומנחה..........בשעה 3:30
יציאה לתשליך..........בשעה 4:30 בערך

אמירת תשליך על פני הנהר ברחוב
53 25e Av, Saint-Eustache, QC J7P 5P4

באס יסע מבנין ביהמ"ד הגדול

בברכת גמר חתימה טובה בספשצ"ג

הנהלת הקהלה

---

בעזהשי"ת

קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380

# סדרי וזמני יום הקדוש

אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ערב יום הקדוש

סליחות..........בשעה 6:00
בהיכל הכוללים
מנהג כפרות..........תיכף אחר סליחות
בדלת הכניסה לחדר רבינו #2
תפלת שחרית..........בשעה 7:00
בהיכל הכוללים
פת שחרית לאורחים החשובים בחדר האוכל למעלה בבנין הישיבה #2
שלחן הטהור..........בשעה 12:30
בהיכל הטישן #9
תפלת מנחה..........בשעה 3:20
בהיכל ביהמ"ד הגדול
סעודת המפסקת לאורחים החשובים בהיכל הטישן #9

## יום הקדוש

דרשת כל נדרי..........שעה ורבע אחר זמן הדלקה"נ
אמירת כל ספר תהלים..........בשעה 4:45 באשמורת
בהיכל ביהמ"ד הגדול
תפלת שחרית..........בשעה 7:30 ברכות
יזכור בערך 1:15
אויספאסטן לאורחים החשובים בהיכל הכוללים תיכף אחר מעריב והבדלה
שלחן הטהור מוציוה"ק..........בשעה 9:30
בהיכל הטישן #9

האורחים החשובים מוזמנים לסעוד בסעודה הראשונה עיוה"ק וסעודת מוצאי יו"ט אצל השלה"ט.

בברכת גמר חתימה טובה בספשצ"ג

הנהלת הקהלה

בס"ד

התאחדות אברכים

דביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש
קרית יואל יצ"ו
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

כולל בוקר | בית הוראה | בנין שלם | חברות עבודת עבודה | שיעורי תורה | סידור חברותות | עוזר וסומך

ערב חג הסוכות תשפ"ו

# מודעה חשובה

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש אשר
הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א

**ישב להשיב לשואלים הבאים באתרוגיהם ולולביהם בידיהם**

**באלו הזמנים:**

**משעה 3:00 עד 5:00**
בביתו 4 קראלי דרייוו. #201

**ומשעה 9:15 עד 10:30**
בחדר בית הוראה למעלה בבית מדרשינו

**ובשאר זמנים יכולין לצלצל על: 845-248-8021**

*בברכת כתיבה וחתימה טובה!*
*הנהלת התאחדות אברכים*

---

בס"ד

ביהמ"ד תפארת משולם פייש ד'טאהש - לונדון יצ"ו
נתיסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

1 Fairholt Road, London N16 5EN

## תשיתהו ברכות לעד

ארשת שפתינו יערב בהדרתא, שבח דא שירתא, ברחשי ידידות ושפתי רננות מרחשתא
לפיכך אנחנו חייבים להודות ולהלל, על כל הטוב שזכינו להרחיב גבולי הקדושה ולהגדיל
יחדיו נרנן בעידן האי, מגלגלין זכות על ידי זכאי, לידידינו עוז ידידינו עוז וידיד נפש כל חי
משליך נפשו מנגד בכוחות ואונים, בלבו הטוב ורוח נכונים, עושה ומעשה בכל עת מסורים
לסיור לשפץ לבנות ולהרחיב ההיכל, לעמוד על המשמר מהחל, פנים חדשות מעוז מגדל
ךי יש שכר טוב לפעולתך, וידעת כי שלום אהלך, הרחבת דעתם של מתפללים רב חלקך

בפרוס ירח האיתנים, מועדים וזמנים, מזמור לתודה נריע, מיטב ברכותינו להביע, האי גברא יקירא, הוגה בתורה, צנא מלא ספרא, פאר המעלות המדות, ידיו רב לו במילי דחסידות, עוסק בצרכי ציבור באמונה, ויהי ידיו נכונה, בכל עת ועונה, אודף צדקה וחסד בכל פינה ופינה, חכמתו בחוץ תרונה, רב הפעלים להרמת קרן בית מדרשינו ולהרחבת גבולי הקדושה, במדה טובה וגדושה, ה"ה

# הרה"ג ר' אלימלך גראד שליט"א

**אשר רחש לבו דבר טוב והוזיל זהב מכיסו וברוב אונים ומסירות נפלאה ודמים תרתי משמע השקיע לייפות לשפץ ולהרחיב בת מדרשינו שיוכל להכיל בתוכו ציבור המתפללים כ"י ובפרט בימי בין הזמנים שהצפיפות פי כמה וכמה ויהי' בע"ה להרחבת ציבור החשוב מתפללי ביהמ"ד.**

ישא ברכה מאת ה' וצדקה מאלקי ישעו, זכות הרבים תלוי בו, כד מיפק שתא ועייל שתא חדתא, נשכר מיטב ברכתא, יהא רעווא שיזכה ביחד עם ב"ב, בספרן של צדיקים, לשנה טובה ומתוקים, לאלתר לחיים טובים ולשלום, ולהמשיך בהרבצת התורה ובמעשה הטוב והחסד, בהרחבת הדעת ונחת דקדושה, במדה טובה וגדושה, ויתקבלו תפלתיכם ברחמים וברצון לפני אדון כל, וברכת מרן רביה"ק זי"ע ילווה אתכם תמיד, ונזכה לשנת התרוממות קרן ישראל בביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו בב"א.

המברכים בכל לב
**אנ"ש מתפללי ולומדי בית מדרשינו,**
**וועד "קרן הבנין"**

---

שיבת הרוח

תושבי קריתינו הק',
זייט מקיים

וועד האושפיזין

*מצות הכנסת אורחים*

# פארדינגט אייער דירה

*פּאָרט איר אוועק*
די צוויטע טעג יו"ט?

*האט איר שוין*
וואס איר קענט ארויס דינגען?

*מוזט איר אריין צו*
*אייער אייניקלעך*
די צוויטע טעג יו"ט?

**רופט שוין אריין קול איחוד טאהש**
**514.500.8674**
**עקס. 1-5-4-2**

---

שיבת הרוח

אנ"ש
די בכל
אתר
ואתר



# זוכט איר א דירה

*די צוויטע טעג יו"ט?*

**רופט שוין אריין קול איחוד טאהש**
**514.500.8674 עקס. 1-5-4-2**

**טייערע**
**אורחים החשובים**
**נעמט אין באטראכט:**

ווען אייער בעל אכסניא גיבט
אייך איבער אייער דירה וויל
ער עס צוריק באקומען שיין און
מסודר, דעריבער, כדי צו געבן
חשק פאר אייער חשוב'ע מכניס
אורח צו פארדינגען זיין דירה
ביי די קומענדיגע געלעגנהייטן,
שטרענגט אייך אן צו זיין א
ריכטיגע מכיר טוב, און לאזט
איבער די דירה ריין און זויבער.

וועד האושפיזין

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

וילך - יוה"ק - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' נצבים - א' סליחות

פארטאגס איז דער רבי אריינגעקומען צו סליחות בהיכל ביהמ"ד הגדול, און פארגעזאגט ביים עמוד מיט גרויס התעוררות.

דער רבי האט געדאווענט שחרית פארן עמוד, לרגל די יארצייט פון אמה של מלכות הרבנית הצדיקת חוה ז"ל, מחברתו הטהורה פון רבינו הקדוש זי"ע.

נאכן דאווענען האט דער רבי אויפגענומען די געסט פון ניו יארק לברך ולהתברך. דערנאך איז דער רבי ארויס צום ציון פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת כל ספר תהלים.

◆

נאכמיטאג איז פארגעקומען די יארצייט סעודה בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט די קינדער און אייניקלעך פון הרבנית הצדיקת ע"ה, במשכ'ן סעודה האט הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א מסיים געווען מס' חגיגה לע"נ הרבנית הצדיקת ע"ה, און דער רבי האט געזאגט קדיש.

עס האט אויפגעטרעטן הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. און דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס.

◆

ביינאכט האט דער רבי באשיינט די מסיבה לטובת ישיבתינו הקדושות אין קריתינו הק', פאר ספעציעלע גערופענע נגידים בעם, אין שטוב פון הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק, לכבוד די יארצייט פון הרבנית הצדיקת ע"ה.

עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יוסף יששכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל הישיבה קטנה בשבח הישיבות, אזוי אויך האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער דער בעל אכסניא הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו.

דער רבי האט משמיע געווען ברכת הקודש פאר אלע משתתפים. און דערנאך האט מען געהערט דברי הערכה אויף הרבנית הצדיקת ע"ה דורך הרה"ח ר' משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק.

ברהמ"ז על הכוס איז מכובד געווארן דער טאטע פונעם בעל אכסניא הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. דערנאך האט מען געדאווענט מנחה ומעריב.

דערנאך זענען אלע משתתפים אריבער ביי רבינו שליט"א און זיך אונטערגענומען גרעסערע סכומים להחזקת ישיבה"ק, און דער רבי האט פארטיילט לעדערנע זמירות מועדי' קדשיך לשבת ולמועדים.

◆

דערנאך איז דער רבי אנגעקומען אויף ניחום אבלים אין שטוב פון הרב מנחם מאיר לייפער שליט"א אין קריתינו הק', ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די גאנצע משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## מאנטאג פר' נצבים

נאכמיטאג איז פארגעקומען זמני כניסה ספעציעל פאר תושבי קריתינו הק' לברך ולהתברך בקודש פנימה לקראת די ימי הרחמים והרצון הבעל"ט.

שפעטער ביינאכט איז דער רבי ערשינען אין די זאלן פון בית צירל, צום שמחת השבע ברכות פון בת הגה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, דער רבי האט מפאר געווען בראש המסובים, געמאכט א לחיים און אנגעוואונטשן פארן חתן און מחותנים און פאר הגה"צ רבי יצחק אייזיק שליט"א, דערנאך זיך ארויסגעלאזט אין א פריילעכע ריקוד מיטן חתן ומחותנים ובני משפחה.

## דינסטאג פר' נצבים

נאכמיטאג איז פארגעקומען זמני כניסה ספעציעל פאר תושבי קריתינו הק' לברך ולהתברך בקודש פנימה לקראת די ימי הרחמים והרצון הבעל"ט, דער רבי האט אויפגענומען פון 5:00 ביז 10:15 ביינאכט.

## מיטוואך פר׳ נצבים

אינמיטן טאג איז דער רבי אריבער אין א בנין פון אפיסעס, ווי עטליכע תושבי קריתינו הק׳ האבן דארט זייערע אפיס און געשעפטן, דער רבי האט געקלאפט מזוזות און אנגעוואונטשן פאר די בעלי בתים ברכות לרוב.

ביינאכט איז דער רבי ערשינען ביי די מסיבה של מצוה אין שטוב פון מוה״ר מרדכי ווידער הי״ו גבאי ביהמ״ד הגדול, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען נגידים בעם להחזקת ביהמ״ד אברכים אין קריתינו הק׳.

דער רבי האט משמיע געווען ברכת הקודש, און ווארעם אנגעוואונטשן אלע תומכים ונגידים.

שפעטער ביינאכט איז דער רבי אריבער אין שטוב פון הרה״ח הישיש ר׳ הערש לייב וויינבערגער שליט״א, דער רבי האט שואל געווען בשלומו און אנגעוואונטשן ברכת קדש לקראת די נייע יאר הבעל״ט.

לא נתנו ימים טובים לישראל אלא כדי שיעסקו בתורה

חול המועד

חברה מתמידים

שע״י תלמוד תורה בית יודא ד׳טאהש

חוה״מ סוכות תשפ״ו

פאר די קינדער פון

**כיתה ג׳** ביז **כיתה ח׳**

כיתה ב׳ קען קומען מיט אן אויפזיכט פון אן עלטערע ברודער פון כיתה ד׳ ח׳

**אין היכל הכולל**

ביטע מיטברענגן די אייגענע ספרים

פון **1:00** ביז **3:00**

אנגעפירט דורך

הרב **יצחק שמואל שווארץ** שליט״א

| דאנערשטאג - א׳ דחוה״מ | פרייטאג - ב׳ דחוה״מ | זונטאג - ד׳ דחוה״מ |
|---|---|---|
| **דראמאטיש** | **אינטערסאנט** | **לעבעדיג** |
| גאר דראמטישע מעשה | דייער זייער אינטערסאנט | שמחת בית השואבה |







| | | |
|---|---|---|
| בארימטער בעל מספר פון **ניו יארק** | ושמחת בחגיך והיית אך שמח | הערליכע רייכע |
| הרב **ישראל זאב האלפערט** הי״ו | **האלטס ענק נייגעריג** | **מוזיק פארשטעלונג** |
| **פרייז פארן טאג** | **פרייז פארן טאג** | **פרייז פארן טאג** |
| **$30** | **$30** | **$40** |

ספעציעלע פרייז **$85** פאר גאנץ חוה״מ

**זיך איינצושרייבן**

ביטע רופט

**845-467-5059**

מיר וועלן זיצן אין בהמ״ד אברכים

**זונטאג נאכט פאר סוכות**

**ערשטע 100** איינגעשריבענע אויף **גאנץ חוה״מ** וועלן באקומען א **קליינע מזכרת**

קומט באצייטענס און האלט מיט די דראמאטישע **פארזעצונג** **״זיך געשטארקט״**

## קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה״ק זי״ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט״א

דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו׳ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים

במסכת בבא בתרא (ה׳ עמודים)

ובמסכת עבודה זרה (ז׳ עמודים)

בחבורת ״מזון הנפש״

41 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע״י קהילתינו הק׳

## = פרשת האזינו =

| | ז׳ עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה׳ עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב״ק וילך שובה | סט. | סה: | חזרה | חזרה |
| זונטאג יום הבחינה | סט: | סו. | קיא: | קח. |
| מאנטאג | ע. | סו: | קיב. | קח: |
| דינסטאג שלש עשרה מדות | ע: | סז. | חזרה | חזרה |
| מיטוואך ערב יו״כ | עא. | סז. | חזרה | חזרה |
| דאנערשטאג יום כיפור | עא: | סח. | חזרה | חזרה |
| עש״ק | עב. | סח: | חזרה | חזרה |

**בחינה הבאה ביום א׳ פרשת האזינו**

מס׳ עבו״ז: נה:-סה: | מס׳ בבא בתרא: קב:-קז:


יז״ל ע״י

**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674 EXT. 8

F. 877 760-0544

11 Van Buren Dr. #305

Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב׳ס פארן גליון, איז:

**מיטוואך 12:00 מיטאג**